STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02217

GVALD VU IZ MAYN BORD!

N. M. Shaykevitsh

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גְנֻוואַלְד

וואו איז מַיין בָּאָרְד!

אַיין רָאמַאן

פֿאן שמר.

1 9 3 0

Druk. Piment, Sierakowska 4

פארעדע

כשרה יודען מאגין מיר טאקי חלעבין דאנקבאר זיין דער־פאר וואס איך בין דער איינציגער שרייבער וועלכער נעמט זיך אן פאר אלע הייליגע זאבין, דיא בארד וועלכע איז פון עוויג אן גיוועזען אונזער צירונג אונזער הייליגטהום ליגט נעבאך היינט ביין קלאפטער אין דרערד, מיא האט זיך גאר אן געהויבין מיט איהר צו שעמען, דאריבער האב איך מיר גענומען דיא מיה אונ האב געמאכט אמעשה מיט אבארד.

דיא מעשה איז חלילה וחס ניט קיין אויסגעקלערטע, זיא איז איינע וואהרע געשיכטע, נאך לעבט דער טאטע פון דער בארד (וועלכע שפילט ביי מיר דיא הויפט ראליע), נאך לעבין דיא העלדין פון דער געשיכטע, מיט איינעם ווארטע דא איז איין ווארט ליגען ניטא, דאס קאן איך דווקא' זשווערין ביי מיין בארד.

ויהי רצון, אונ עס זאל זיין דער ווילען אז בזכות דער מעשה זאלין יודישע בערד אויסגעלייזט ווערין פון דיא גאלערס הענד, אונ זייא זאלין זוכה זיין ווייטער צו שפילען דיא גרויסע ראליע וואס זייא האבין אמאהל געשפילט, עס זאל מקוים ווערין דער פסוק והדרת פני זקן ד. ה. דו זאלסט בעשיינען דעם בארד (זאלסט איהם אפגעבין כבוד).

דער פערפאססער פון דער בארד.

הַזָּקֵן לִפְנֵי כֵּס שַׁדַּי

לִפְנֵי כֵּס שַׁדַּי שָׁם בַּשָּׁמַיִם
אַרְצָה הַזָּקֵן נָפַל אַפָּיִם
וַיִּצְעַק צְעָקָה גְדוֹלָה וּמָרָה :
„חוּסָה נָא אֵלִי הִנְנִי בַּצָּרָה !
מֵרֹאשׁ יְמוֹת עוֹלָם בְּכָבוֹד חָיִיתִי
עֲטֶרֶת תִּפְאֶרֶת לִבְנֵי עַמְּךָ הָיִיתִי ,
וּבְחַסְדְּךָ אַתָּה אֵל גָּדוֹל וְנוֹרָא
לְבַל יַעַל עָלַי, צִוִּיתָ, כָּל מוֹרָה .
אוּלָם הַפַּעַם נָפַלְתִּי פְּלָאִים
הַכּוֹרֶת יַעֲלֶה עָלַי לִרְגָעִים
מִפַּחַד הָהּ תְּסַמֵּר בּוֹ כָּל שֵׂעָר
כִּי לִמְשִׁיכָה נְתַתִּי בִּידֵי הַתַּעַר.
חוּשָׁה לְעֶזְרָתִי אֱלֹהֵי יְשׁוּעָתִי
רְאֵה נָא עָנְיִי חַלְּצֵנִי מִצָּרָתִי. "

"הִנָּחֵם נָא זָקֵן הִנְנִי לְעֶזְרָתֶךָ
אֶל הַזָּקֵן עָנָה אֵל מִן הַסְּעָרָה
יָצֹא אֵצֵא הַפַּעַם לִישׁוּעָתֶךָ
אֲחַלֶּצְךָ אַצִּילְךָ בְּנִי מִן הַצָּרָה„.

„אִם הַצְּעִירִים עָשׂוּ אֲגֻדָּה אַחַת
לְשָׁפְטְךָ בַּמָּוֶת וּלְהַפִּילְךָ בַּשַּׁחַת
אֶתֵּן אֶת חִנְּךָ בְּעֵינֵי הַזְּקֵנִים
(לַמְרוֹת עֵינֵי הַצְּעִירִים הַזֵּדוֹנִים)
הֵם יוֹקִירוּ עֶרְכְּךָ יְהַדְּרוּ פָּנֶיךָ
יִשְׁמְרוּךָ יִנְצְרוּךָ יְחַדְּשׁוּ נְעוּרֶיךָ"...

* *

*

אַל תָּבוּזוּ לַזְּקֵנִים הַמַּבְחִלִים לְחַיֵּיהֶם
הַמַּשְׁחִירִים וּמְיַפִּים שַׂעֲרוֹת זְקָנֵיהֶם
לְמַעַן יִמְצְאוּ חֵן בְּעֵינֵי אֲהוּבוֹתֵיהֶם
הֵן יַד שׁוֹפֵט הָעֶלְיוֹן חֲזָקָה עֲלֵיהֶם...

א.

אַנָאר פון בָאד אַרויס

בּי טאָדרוס קאַלטין איז גֶעקומען פרייטאג פאר נאכט פון באָד שטאַרק אין כַעס. „דאָס איז דאָך אַזאַ רְצִיחָה וואָס איז ניט פֶערלָאפֿין אין דֶער וֶועלט!" האָט עֶר גֶעטַענֶהט צו זַיין אַלטֶע מוטֶער דְרַייזֶע, וֶועלכֶע איז שוין גֶעזֶעסין פֶערפּוצט אין איהר שַבָּתדיגֶען צִיפִיק, אונ אין איר אַלטֶען פֶערשימֶעלטין בְרוסְטטוך, אַזאַ מַעֲשֶׂה איז נָאך ניט פֶערלָאפין פון שֵׁשֶׁת יְמֵי בְּרֵאשִׁית אָן. מיא בַּאדאַרף בֶּאֱמוּנָות שְרַייעֶן שְׁמַע יִשְׂרָאֵל. מיא בַּאדַארף קְרִיעָה רַייסין, מיא דַארף זיך שוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל אַמַעֲשֶׂה אָן טָאן. מיא דַארף...

וָואס איז אַזוינס גִישֶעהְן? — האָט גִיפְרֶעגְט דרייזיע וֶועלכֶע האָט שוין אָנגֶעטָאהן איהרֶע בְּרִילֶען אויף דֶער פָּאמְפָּאוואַטָער נָאז, אונ האָט זיך גֶעווָאלְט נֶעמֶען לַייעֶנֶען דיא תְּחִינָה פון לִיכְט בֶּענְטְשֶׁען.

איך זָאג דיר מַאמֶע אַז איך וֶועל דָאס ניט שְׁווַייגֶין — האָט טאָדרוס גִירֶעדְט מיט הִיטְץ — איז מַיין נָאמֶען ניט טאָדרוס זָאל איך קידוש ניט דֶער לֶעבֶּין, זָאל מַיין נָאמֶען אויס גִימֶעקְט וֶוערִין פֿוּנֶם יוּדִישֶׁען רֵייסְטֶער, אויב איך וֶועל דָאס שְׁווַייגִין. דו מָאנְסְט איהם זָאגֶין אין מַיין נָאמֶען: אַז אין סִימְבִּיר וֶועל איך איהם אַוֶועק שִׁיקֶען, אין זַיין בְּלוט וֶועל איך מיך בָּאדִין,

דיא בארד איך

איך וועל איהם ווייזן דעם כל בוניק מיט וועמען ער האט דא צו טאהן.

צו דיא ביזט משוגע? אדער פון מוח אראפ מיינע שונאים? האט דרייזיע פערוואונדערט גיפרעגט — דו רעדסט אונ רעדסט אונ איך הייב ניט אן צו וויסען וועגן וועמען דוא רעדסט.

דוא פערשטייסט דען ניט אז איך רייד וועגן דיין קרוב שמחה מויד, ימח שמו וזכרו זאל ער ווערין. ווארט! איך וועל איהם ווייזן ווער עלטער איז. ער וועט מיך האבין צו געדיינקען ביז זיין מיתה משונה.

וואס האט ער דיר אזוינס געטאהן?

מיר וואס האט ער געטאהן? מעהר וואלט איהם ניט געפעהלט ער זאל מיר עפעס טאהן, איך וואלט איהם דוכט זיך אלעבעדיגען באגראבין. ער האט אבער געוואלט אומגליקליך מאכין נעבאך רבי קלמן פערקעס.

נוא וואס זשע נעמסטו זיך אזוי אן רבי קלמנ׳ס קריוודע?

וואס סטאטש? אז מיא זעהט אז איינער וויל דעם צווייטען דעם קאפ אראפ נעמען דארף מען שטעהען פון ווייטען אונ שווייגען? אויף דעם איז מאן דאך עפעס שטיקליך מענשין מיא זאל זיך אן נעמען פאר ערליכע יודען.

עפעס ביזטו מיר פון דער העלער הויט אצדיק געווארין— האט דרייזיע געזאגט מיט אשמייכיל— אבער דערציייל מיר שוין, לאמיך הערין וואס האט שמחה געטאהן קלמנ׳ן.

ער האט איהם נאך גאר נישט געטאהן. ער ויל ערשט דעם כשר׳ן יודען נעבאך אויף דער עלטער אין לייטעשע מיילער ברייננען. דו ווייסט וואס דעם יאלאפ, אט דעם שמחה מויד איז אין זיין פערדרעשן מוח איין געפאלין? אז דו וועסט זיין מיט

צוואנציג קעפ וועסטו דאס בשום אופן ניט טרעפין, ער רעדט רבי קלמנס מיידיל אשידוך. אנא טרעף מיט וועמען, איא דו טרעפסט ניט? חא חא חא! אי עס איז חלעבין ניטא וועמ עס זאל לאכין, דו וועסט דאס גאר ניט גלויבין אז איך וועל דיר דערציילין.

נוא זאג שוין מיט וועמען רעדט ער איהר, — האט דרייזיע אונגעדולדיג געזאגט.

ער רעדט איהר, דאס הייסט חנהלע רבי קלמנס טאכטער רעדט ער אשידוך מיט איצעלע דרייקאפס תכשיט מיט חיימקע דעם ימח שמוניק, נוא וויא געפעלט דיר דיא מעשה?

רבונו של עולם! עפעס ביזטו מיר היינט מיין זון ניט ביי דיין שכל, וואס פאר אמחותן ביזטו מיט קלמן פערקעס, וואס דו לייגסט אזו אוועק דאס געזונד פאר איהם, וואס ארט דיך וועלכען חתן זיין מיידיל וועט נעמען.

דאס ארט מיך! — האט טאדרוס צארניג געשריען — איך וועל דאס ניט דערלאזין ווען אפילו דיא וועלט וועט אונטער גיין, גיין אונ נאך אמיליאן מאהל גיין, חיימקע דער ימחשמוניק וועט ניט זיין רבי קלמנ'ס איידים דאס איז אחילול השם, דאס איז איין עבירה פאר גאט אונ אחרפה פאר לייטען.

דרייזיע האט אקוועטש געטאהן מיט איהרע הארבאטנע פלייטצעס, אונ האט זיך געזעצט לייענען דיא תחינה פון ליכט בענטשען, אונ פייטעל איז ארום געלאפין הין אונ צוריק איבער דעם צימער העכסט צארניג.

* * *

דיא בארד

דיזיע איז שוין אנ'אלטע יודענע, איהר ליגט ניט מעהר אין זינען דיא תחינות מיט יענער וועלט אין וועלכער זיא באדארף באלד אריינטרעטין, דארום אינטערסירט איהר ניט דיא מעשה וואס איהר זון האט איהר דער ציילט, אונ זיא איז גאר ניט נייאגיעריג צו ערפאהרען דיא אורזאכע פון טאדרעסעס בעס. אבער איהר מיינע לעזער, אז איהר לעזט מיין ראמאן האט איהר דאך מסתמא נאך גאר אין זינען ניט יענע וועלט. אונ איהר זענט דארום שטארק נייאגיעריג צו ערפאהרען וואס אז דא פאר אנגעשיכטע, דארום וועל איך אייך אין קורצע ווארטען ערצעהלען וועגין וואס דא האנדעלט זיך.

רבי טאדרוס קאלטין וואר פון דיא שענסטע בעלי בתים אין דעם שטעדטיל קלינוס, ער האט גיהאט אנ'אייגין הויז אונ דאביי אשיינעם קאפיטאל, דיא ביידע זאבין דאס הויז מיט דעם קאפיטאל האט ער גערשעט פון זיין פאטער, דען אליין האט ער צייט ער לעבט קיין פינגער אין קאלט וואסער אריינגע-טאהן אונ האט נימאלס אקאפיקע פערדינט, דען ער איז גיוועזן (זאל ער אונז מוחל זיין אויב ער איז שוין געשטארבין) אגרויסער טויגעניכטס, אונ אגרויסער פוילער, דאביי ניט פאר אונז גע-דאכט אגרויסער שוטה, נאר דיא דרייא חסרונות וואס איך האב דא דערמאהנט זיינען אין קלינוס קיינע פעהלער גיוועזן. אלע האבין געוואוסט אז טאדרוס האט געלד אונ קאן נאך דער צוא אביסעל לערנען אויך, האט מען איהם דער פאר געאכטעט אונ גישעצט, אונ מיא האט איהם גערופען „רבי טאדרוס" חאטש ער איז גיוועזן איין שלעכטער מענש אונ איין טיראן. אין דער צייט וואו מיר האלטין איז שוין רבי טאדרוס אלט גיוועזן פירציג יאהר, אקוק טאהנדיג אויף איהם האט מען גיקאנט מיינען אז ער איז איינער פון דיא גרעסטע רבנים, דען ער האט גיהאט זייער

אשיין

דיא בארז

אשיין בייביל מיט אנגעזינדעס געזיכט אנ־ויסער און אבריי־טער באָרד האָט זיין דיקע מאָרדע ארום געריגגעלט און האָט זיך אראפּ געלאָזט ביז צו זיין גארטיל, געקליידעט וואר ער וויא אנ׳עכטער רב, דורכאויס אין זייד און אין אטלעס, זיינע בגדים זיינען געניי־ט נאָך דעם רבנישען זשורנאל, נוא האָט ער ניט פערדינט דעם נאָמען רבי טאדרוס? איז ער ניט ווערט גיוועזען מיא זאָל איהם אָפּ געבין כבוד און מיא זאָל איהם אכטען און שעטצען?

זיין אלטע מוטער דרייזיע וועלכע וואר בעשטענדיג אנ׳אשת חיל, האָט אויך יעצט אין דיא עלטערע יאהרען געפיהרט דאָס געשעפט וואָס איז געבליבען פון איהר מאן, זיא איז געזעסען אין אנרויסער קראָם, אונ האָט נאָך ענערגיש קאָנקורירט מיט אלע קרעמערקעס, דאָס מזומנע געלד פלעגט זיא פערלייהען אויף פּראָצענט, און רבי טאדרוס האָט אפילו ניט געוואוסט וואו זיין געלד ליגט, ער האָט נאָר איין זאך אין זינען גיהאט גוט צוא עסין און טרינקען, און זיצען אין בית המדרש הערין נייס פון דער וועלט, צייט ער לעבט האָט ער אקאָפּיקע ניט גיגעבין איין ארעמאן ער האָט נאָר ליב געהאט זיין קערפער אליין.

ער, דאָס הייסט רבי טאדרוס האָט שוין גיהאט דרייא ווייבער, אינ איז פון אלע פּטור געוואָרין, דיא ערשטע צווייא האָט ער געגט, און דיא דריטע איז געשטארבין, יעצט שטעהט ער ווייטער אין שידוכים, מיא רעדט איהם גרויסע שידוכים וויא עס פּאסט פאר אזא כשר׳ן יודען, שדכנים שלאָגין איהם פּשוט אָפּ דיא טיהרען, און ער איז העכסט צו פרידען דערפון, ער האָט פּשוט הנאה אז אשדכן שטעלט איהם פאר דיא כלה וועלכע ער רעדט איהם.

פון דיא אלע שידוכים וואָס מיא האָט איהם דא פאָר גע־לייגט, האָט זיך איין שידוך צו אונזער רבי טאדרוס צו געקלעפּט

דיא באר־ וויא

וויא גוטע פאקין. רבי תנחום דער שדכן האט איהם מיט עטליכע
טעג צוריק גירעדט אשידוך מיט רבי קלמן פערקעס מיידיל, אונ
גראדע צו דער מיידיל האט אונזער כשרער רבי טאדרוס שטארק
חשק גיהאט נאך אז זיין דריטע ווייב האט גילעבט, ער פלעגט
זעהר אפט בעזוכען רבי קלמנען כדי ער זאל קענען זעהן זיין
שיינער חנהלען, קאן מאן שוין פערשטעהען מיט וואס פאר
אפריידע ער האט רבי תנחומס ווערטער עמפפאנגען, ער האט
דעם שדכן צו געזאגט אגרויסע מטבע אויב ער וועט איהם דעם
שידוך אויס פיהרען, אונ דער שדכן האט גיענטפערט אז דער
שידוך איז שוין ביי איהם וויא אין קעשענע, אונזער טאדרוס
האט פשוט גיטאנצט פאר שמחה, אונ האט זיך שטארק בע-
מיהט אויסצווייזען שיין אונ פיין אום ער זאל דער כלה גיפעלין,
ער פלעגט שטונדען לאנג אבשטעהען אין שפיגעל אונ קאמען
זיין בארד מיט וועלכע ער האט שטאלצירט וויא אהיינטמאדישע
פרויא מיט איהר גרויסין הינטין, ער האט זיינע פאות אזו פאר
גרייזילט זא דאס זייא האבין אויס גיזעהען וויא צווייא מייזעשע
לאנגע עקלאך, אונ אלס ער איז שוין פערטיג גיווארין מיט זיין
טואלעט האט ער פערגעניגט אשמייכיל גיטאן, איהם האט אויס
געוויזען אז יעצט וועט ער גיפעלין ניט נאר רבי קלמנס טאכטער
נאר אפילו דיא שענסטע בת מלכה וועט זיך אין איהם פערליבען
ביי איהם איז גאר קיין צווייפיל גיוועזן אז רבי קלמן וויא זאויך
זיין טאכטער וועלין זיך אנחאפין מיט הענד אונ מיט פיס אן דעם
שידוך מיט איהם, אונ ביי איהם וואר שוין חנהלע פאר רעכינט
אלס זיין כלה.

נאר פלוצים איז אונזער ליבער רבי טאדרוס פון הימעל אין
אבגרונד געפאלען, ריכטיגער גיזאגט ער איז שיער פון דעם הויכין
פאל אין באד אויף דער ערד אראפ געפאלען אלס בעזעמנדיג

זיך   דיא בארד

זיך אויף דעם דערמאהנטען פאל האט איהם זיין איינער קרוב שמחה מויד דער ציילט לפי תומו אמעשה אז ער האפט דיא טעג צו פערדינען עטליכע קערבליך שדכנות, דען ער רעדט רבי קלמן פערקעס מיידיל אשידוך מיט איצעלע דרייקאפס בן יחיד, און דיא טעג באדארפין זיין דיא תנאים מיט מזל.

רבי טאדרוס האט געמאכט גומל בענטשין וואס ער איז פון דעם הויכין פאל ניט אראפ געפלויגין אוים שרעק אין כעס, ער האט אנגעהויבין באלד שמחה'ן צו שעלטען און זידלען, שמחה האט גאר ניט פאר שטאנען פאר וואס זיין ליבער קרוב איז דא געווארין אזו אין כעס, ער האט מסתמא ניט געשוויגען און האט טאדרוסין אויך געזידולט, אווארט פאר אווארט דיא קרובים האבין זיך אנגעהויבין צו שמייסין מיט דיא בעזימער, און באלד זיינען זייא אריין געקראכין איינער אין דעם צווייטינס בארד אריין און דא איז ווייטער אנס געשעהן וואס זייא זיינען ביידע פון דעם הויכין פאל ניט אראפ געפאלין, נאר פאר דעם נס האבין זייא באדארפט דאנקין דעם בעדער שמעריל, וועלכער האט דיא שטרייטענדע פינאיינאנדער גענומען, און זייא זיינען ביידע בשלום אראפ אויף דער ערד.

אונזער נארעשער טאדרוס האט זיך געשווינד אנגעטאהן און איז געלאפין אהיים פון באד וויא אפערסמטע מויז. ער איז געקומען אהיים, און האט זיין ביטער הארץ פאר זיין מוטער אויס געגאסין וויא אונזערע לעזער האבין שוין געהערט.

דיא בארד

שמחה

ב.

שמחה די מויד

שמחה מויד וועלכן מיר האבן שוין דערמאהנט אין דעם פאררייגען קאפיטעל, וואר נאך איונגער מענש פון אונגעפעהר דרייסיג יאהר. ער איז געוועזען דרייזיעס אפלעמיאניק, דעם נאמען „מויד“ האט ער זיך געקויפט דורך אשפאם וואס ער האט זיך אמאל ערלויבט, דען ער וואר פון דער נאטור אגרויסער וויטצלינג, אונ האט ליב געהאט פון יעדען שפאס צו מאכען, איין מאל איז נאך קלינום געקומע' אגרויסער בעל שם (נאר אפאלשער), וועלכער האט זיך צוגרויסען נאמען געקויפט אין דעם גאנצען געגענד, וויא געוועהנליך האבען זיך אנגעהויבין צו איהם צו שיטען אלע ווייבער פון קלינום, וויא אויך פילע כאנקפערזאנען, מיא האט איהם געטראגען געלד פון אלע זייטען, אונ יעדער איינציגער וואס האט נור זוכה געווען צו ריידען מיט דעם בעל שם, האט פון איהם דער ציילט אזעלכע וואונדער וואס פשוט די האר האט זיך גע־שטעלט הערענדיג זייא, שמחה האט אבער געשריען אין איין קול אז דער בעל שם איז אבעטריגער, נאך זיין מיינונג קאן קיין מענש קיין איבער נאטירליכע וואונדער ניט ווייזע', אונ אים צו איבער צייגין אז ער האט רעכט, האט ער זיך איין מאהל פאר נאכט פארשטעלט פאר אפרויא, אונ איז אויך געקומען צום בעל שם מיט אפדיון.

שכחה איז געוועזען זייער אשיינער יונגער מאן, אונ אין די פרויענקליידער וואר ער גאר אפיין ווייבעל. ער איז אריינגעקומען צום בעל שם אין דאט מיט אוויינענדער שטימע ערציילט די געשיכטע:

רביניא

דיא באורד

רבּיניא ! זיסער הארצעדיגער רבּיניא ! איך בּין ניט פאר איך געדאכט שאן זייט אכט יאהר איין עגונה. מיין מאן האט מיך באלד נאך אונזער חתונה אוועק געווארפין, און איך בּין געבּליבּען וויא אויפען וואסער. ראטעוועט מיך זיסער רבי און גיט מיר אפּ מיין מאן צוריק, ווארום איך וועל פון צרות און פון עגמת נפש שטארבּען.

ווין ניט מיין טאכטער — האט זיא דער פאלשער בע״ש גע-טרייסט — איך וועל דיר דיין מאן באלד, דאס הייסט גאר גיך צוריק בּריינגען האטש אקאליקע האטש אויף אקאטשערע. נאר ער וועט מיר מוזען צוריק קומען.

לאנגע יאהר זאל איך גאט געבּין רבי, איר זאלט זוכה זיין משיחן — האט דאס פערשטעלטע ווייבּיל גיענטפערט פריילך, און האט אקוש געגעבּין דעם בעל שם אין האנד.

דר פאלשער בע״ש האט ניבּעטין דער ווייבּיל זיצען, און האט זיא גוט בּעטראכט, נאכהער האט ער גיזאגט: איך האבּ אויף דיר רחמנות טאכטער מיינע דוא בּיסט נאך גאר יונג בּלוט און מילך, און האסט שוין גענבאך אזו פיל צרות, דוא ווייסט וואס איך וועל דיר זאגין, אויבּ דוא ווילסט וועל איך דיר ריידין אשידוך אבּער גאר אפיינעם שידוך.

וואס רעט איהר גאט איז מיט איך — האט דאס ווייבּיל געזאגט — איהר פערגעסט אז איך האבּ נאך קיין גט ניט ניגומען בּייא מיין מאן ?

דאס איז שוין מיין גישעפט — האט דער בעל שם גיענט-פערט — איך בּין דאך אפשר אבעל שם, און אז איך וועל דיר הייסין חתונה האבּין מאגסטו אויף מיינע אחריות חתונה האבּין.

מאכטייסע ! אויבּ איהר וועט נאר הייסין וועל איך איך

ד״א בארד

ג עווים

גערוים פּאַלגין זאָגט זשע מיר ווער איז דער חתן וואס איר ווילט מיר געבין.

זאָג מיר נאָר טאָכטער — האָט דער בעל שם גיזאָגט מיט אשמייכיל — וואס וואָלט גיוועון ווען איך זאָל דיר ביידין אשידוך מיט אזא חתן וויא איך בין וואָלסטו געוואָלט צו גיין?

אך איז מיר — האָט אונזער ווייביל גיענטפערט — וואס רעט איר רבי? איך בין דאָך גאָר ניט ווערט צו האָבין אזא צדיק פאַר אַמאַן.

זאָג דאָס ניט מיין שוועסטער, דוא ווייסט גאָר ניט וואס פאַר אַנשמה דוא האָסט, דוא זאָלסט וויסען אז דוא האָסט די נשמה פאָן אונזער מוטער זלפה. פערשטייסטו שוין אז דוא מוזט חתונה האָבין מיט אַצדיק.

אָבער וועלכער צדיק וועט דאָס מיך וועלין נעמען?

דער צדיק וואס ווייס וואס פאַר אַנשמה דוא האָסט, דער וועט דיך וועלין אונ וועט דיך מוזען נעמען. אונ דעם צדיק קענסטו, דאָס בין איך אַליין.

וואס רעט איהר רבי? איהר? איהר ווילט חתונה האָבין מיט מיר? — האָט שמחה געפרעגט אונ האָט זיך מיט אַלע קרעפטען בעמיהט איינצוהאַלטען דאָס גילעכטער וואס האָט זיך אים געשפּאַרט פון מויל.

יאַ! יאַ! איך וויל מיט דיר חתונה האָבין, דען דוא בינסט מיין בעשערטע. קוק ניט אויף דעם וואס איך בין שוין אַלט, איך האָב נאָך אַסך יאָהרין, מיא האָט אונז אָנגעשריבען אין הימעל מיר זאָלען ביידע לעבין נאָך פופציג יאָהר:

זייער שיין, איך בין פאַרטיג האָטש די מינוט מיט אייך צו דער חופּה צו גיין.

די באַרד   נוא

נוא אזו בלייבט דאס, דוא ביסט מיין כלה — האט דער בעל שם פריילך געזאגט — אונ וויא באלד דוא ביזט מיין כלה מעג איך דיך דאך אקוש טאהן, א יא טאכטער ?

ביא דיא ווערטער האט ער זיא ארום גענומען אונ האט אנגעהויבן צו קושען. דיא נייע כלה האט ניט פראטעסטירט, האט זיך געלאזט קושען וויפיל דער בעל שם האט געוואלט. זייא האבן אבגעמאכט אז היינט ביא נאכט זאלין זייא דיא רינגע חופה שטעלען אונ מאכן דיא זעלבע נאכט אוועקפארין.

שמחה איז אוועק געגאנגען, אונ האט פערשפראכן צוא נן אין אפאר שטונדין ארום צו דער חופה, מיט אירע קרובים.

אונזער לץ, האט זיך ערשט ארויסגעהענד אין דער גאס אכט, ער איז פשוט אן זייטען געבליבען לאבענדיג: ער האט ר אויפגערופען זיינע חברים אונ האט זייא ערצעהלט דיא גע-טע. קיינער האט אים ניט געוואלט גלויבע נאר אז ער האט גישוואורין אונ פערזיכערט אז ער האט זייא דעם ריינעם אמת גט, האבן זייא זיך בעשלאסן מאכן אפראבע, זייא זיינען דער פערשטעלטער מויד געגאנגען צום בעל שם, שמחה האט פארגעשטעלט אלם זיינע קרובים. וועלכע זיינען געקומען ין דעם צדיק צו דאס איז אמת אז ער וויל מתיר מאכן דער ה זיא זאל חתונה האבן אונ ער אליין וויל זיין איר חתן, דער שם האט גיענטפערט אז ער נעמט דיא עבירה אויף זיך, אונ וויל מיט דער עלענדער ענונה צו דער חופה גייען.

מען האט באלד געשטעלט אחופה, דער כשרער בעל שם באדעקט דער כלה אונ האט זיא מקדש גיוועזן כדת משה אל.

וואס נאכדעם איז גיוועזן ווייסט מען ריכטיג ניט, נאר דאס

אין בעוו.ווס אז דער בע"ל שם האט געבאך יענע נאכט געלייזט פעטש מיט שמ׳ ־ן גאר אן אשיעור אונ איז דורך אפענסטער אין איין העמד אנטלאפין געווארין, אונ מען ווייסט ניט וואו זיין געביין איז אהינגעקומען. אונ שמחה איז געבליבען בייא דעם נאמען „שמחה מ'ויד".

דער שמחה וויא מיר האבין שוין ערצעהלט וואר אגרויסער וויצלינג, פאר אים איז קיין זאך ניט שווער גיוועז אבי נור אפטאן יענעם אשפיצעל. אין שטאט האט מען איהם געהאלטין פאר אשטיקיל אפיקורס, דאך האבין אים אלע פרומע יודעז ליב גיהאט ווייל ער האט זייא לוכטיג געמאכט מיט זיינע וויטצען, אונ מיט זיינע שפיטצליך.

ער האט זיין גישוועסטער קינד טאדרוכין פיינד גיהאט, אונ האט בעשטענדיג ליב גיהאט פון אים שפאס צוא מאכין, נאר טאדרוס האט קיין מאל זיין שפאס ניט פערשטאנען. יעצט אבער איז אים שמחה אריין אין דיא ביינער.

שמחה האט ערפארען אז טאדרוס שדכינט זיך צו חנהלע רבי קלמנס טאכטער, אונ ער האט געוואוכט אז קלמן וועט זיך געווים בעשליסען אבגעבין זיין טאכטער דעם רייכין אידיאט, ער האט אבער אויף חנהן רחמנות געהאט, אונ האט זיך בעשלאסין דעם שידוך ניט צו דערלאזין, ער האט אויך געוואוכט אז חנה שפילט אגעהיימע ליבע מיט חיים איצעלע דרייקאפס זאהן, דארום האט ער אלע קרעפטע אנגעווענדעט חנה זאל ווערין חיימס כלה.

איצעלע דרייקאפ וואר אויך אקלינוסער בעל הבית, נאר אין שטאט האט מען פון אים ניט געהאלטען ווייל ער איז גיוועזן אביסעל געהאפט אין דער מעשה. ער האט זיין בן יחיד חיימקען געלאזט בילדען, אונ האט אים געמאכט פאר אשטיק אפיקורס,

דאביא האט מען ערצעהלט אז ער פיהרט זיך ניט אויף אין שטוב ווינא אבשערער יוד באדארף זיך אויף פירען.

חיימקע וואר דאן אלט צוויא און צוואנציג יאר, ער וואר אבילדשיינער יונג העכסט געבילדעט, און אגרויסער למדן. ער האט שוין זייט איאהר אבגעמאכט מיט חנה'ן אז זייא זאלין ביידע חתונה האבין, דען חנה וואר ווירקליך אעלטענהייט שיין וויא איין ענגעל, קלוג, און גוט מוטהיג, זיא האט שוין פערשטאנען אז פאר אפליאסקעדריגע וועט זיא קיין האניג לעקין און האט דארום איר איינציג גליק גיזעהן אין דער פארטייא מיט חיימען.

שמחה וואר מיט חיימען זעהער בעפריינדעט, חיים האט פאר אים זיין הארץ ענטדעקט, און שמחה האט אים פערזיכערט אז ער וועט מיט אלע קרעפטען ארבייטען אום אים צו זיין גליק צו פיהרען, ער דאט זיך אבער קיין ראטה ניקאנט געבין וויא אזוי דא דעם שידוך אויסצופיהרען. ער האט גוט געוואוסט אז אזא ערליכער יוד וויא רבי קלמן פערקעס איז וועט געווים ניט וועלין חיימן פאר איין אידעם. ער האט אבער געהאפט אז סוף כל סוף וועט ער פארט געפינען ארפואה צו דער קריינק.

יעצט אלם ער האט ערפארען אז מען רעט חנה'ן דעם שידוך מיט טאדרוסין, און ער האט גיזעהן אז דא שוועבט אגראסעס געפאהר, האט ער זיך בעשלאסין צו ארבייטען מיט אלע כלים. זיין ערשטע עצה איז גיוועזן אז חיים זאל ווערין אויף אשטיקעל צייט אבעל תשובה, דאס הייסט ער זאל זיך אוועק זעצען אין בית מדרש לערנען, און זאל זיך צייגען פאר זיינע שטאט לייט וויא אצדיק תמים. ער האט דאס אויך ערצעהלט חיימס פאטער, און האט אים גיפרעגט צו אים איז געפעלען דיא עצה.

איצעלע דרייקאפ וועלכער האט זיין זאהן צערטליך געליבט,

אונ האט געוואַ'ט ער זאל ערדרייכען זיין ציהעל ; האט דער צו מסכים געווען , ער האט דער ביא גאר איין אנדער רעכענונג געהאט , אז קיים וועט זיין זאהן ווערין קלמנס איידעם וועט ער דאך מיט דער צייט ווערין קלמנס יורש אויך , דען קלמן האט ניט מער גיהאט וויא דיא איין טאכטער , דאן וועט דאך זיין חיים אמאל ווערין א גביר , דען קלמן וואר א יוד א גביר נאר זייער איין קארגער . מען האט אים געשאצט אין צוואנציג טויזענד רובעל , אונ ער אליין האט זיך קיין מאל פערגינען איין איבעריגע קאפיקע אויס צו געבין .

יא דאס איז אלין רעכט — האט איצעלע דרייאראפ געזאגט צו שמחהן — מיין חיים וועט שוין ווערין אבעל תשובה , אבער דאס איז נאך אלין ווייניג איר קאנט דאך קלמנן , ווען ער וועט שוין מיין חיימען ווערין דער פאר וואס ער איז פרום , וועט ער אבער באלד געפינען איין אנדער דכרון , דאס וואס מיין חיים האט קיין געלד ניט . וועהרענד דיין טאדרוס איז אנגעשטאפט מיט געלט .

דאס איז ניט אייער באבעס דאגה — האט שמחה לאכענד געענטפערט — עס וועט שוין זיין רעכט , אייער חיים וועט האבין אסך נדן אויך .

דאס פערשטעה איך שוין ניט — האט איצעלע פער־וואונדערט געזאגט — מיילע פרום ווערין דאס קאן יעדער , אבער בעקומען געלד דאס איז דוכט זיך פון דיא שווערסטע זאכין .

וואס האט דאס צו אייך — האט שמחה געענטפערט — אז איך זאג אייך אז אייער חיים וועט האבין אסך נדן , מסתמא ווייס איך וואס איך רייד , זאגט מיר וויפיל נדן ווילט איהר ער זאל האבין פינף טויזענד רובעל איז גענוג .

אל״ע

דיא בא״ד

אלע בייזע חלומות צו מיינע שונאים קעפ ! וועלכער פריין וועט דאס אזו פיל געלד פאר לירען וואס מיין חיים וועט זייא געפינען .

חא חא . -- האט שמחה געלאכט — חלעבין גאר אום זיסט האט מען אייך אנאמען געגעבין דרייאקאפ , מיר האבין זיך בנאמנות באדארפט בייטען מיט דיא נעמען , אייך דארף מען רופען מויד , אונ מיך דרייאקאפף , דען איך וועל דא אזוא פאר דרייען דיא קעפ , אונ וועל דא פערקאכין אזא קאשע אז דיא גאנצע שטאט וועט האבין צו עסין אונ עסין ביז זייא וועט פון גארגיל צוריק קריכען .

נוא ממה נפשך , טוה וויא דו פאר שטייסט — האט איצעלע גיענטפערט — איך פאר לאז מיך שוין אויף דיר . מסתמא אז דוא רעדסט ווייסטו וואס דוא רעדסט .

זעהט איהר אז איהר פאר לאזט זיך אויף מיר איז גאר אנדערע ווערטער — האט שמחה שמייכלענד גיזאגט — זאלט איר טאקי דא טאן נור איין ארבייט , הערין , זעהן , אונ שווייגען . קיין קשיות זאלט איר מיך ניט פרעגין .

דאס איז גיוועזן דאנערשטאג . אונ אויף מארגין , אלס שמחה האט זיך באגעגינט מיט טאדרוסין אין באד אויפן פאל , האט ער אים צו פליים גיזאגט אז ער רעט חנה רבי קלמנס אשידוך מיט חיים איצעלע דרייקאפס .

וואס דער סוף איז גיוועזן פון דער בשורה , דאס ווייסין שוין דיא לעזער .

ג.

איך בעט איבער אייער כבוד.

אגוטער שבת אייך רבי קלמן! — האט אגעשרייא געטאן תנחום דער שדכן, אריין קומענדיג שבת נאך ד׳ ; דאוונען צוא קלמן פערקעס — איך בין געקומען צו אייך רבי קלמן מאכין בייא אייך איך בעט איבער אייער כבוד קידוש, מסתמא וועל איך דא קריגען אשטיקעלע פיש צום פאר בייסין אויך. דען אייערע פיש מעג מען, איך בעט איבער אייער כבוד עסין על שלחן מלכים. (אויף פירסטליכע טישין).

מאכטייסע! מאכטייסע רבי תנחום. איר זענט בייא מיר א גוטער גאסט — האט געענטפערט קלמן מיט אגעצווינגענעם שמייכיל — זיצט און מאכט קידוש. אויב איר ווילט קאן איך אייך מכבד זיין מיט אשטיקעלע ציםעס פלייש אויך, איר האט דאך מסתמא ליב ציםעס פלייש:

אשאלה אביסעל צו איך האב ליב ציםעס פלייש, איך האב אפילו ליב איך בעט איבער אייער כבוד אשטיקיל קאלטע פיס אויך. און איך זאג אייך רבי קלמן אז איך בין בייא אייך ווערט איר זאלט מיר קושען איך בעט איבער אייער כבוד גלייך אין פיסק אריין, דען איך האב אייך געבראכט אזיסע בשורה, אזא בשורה זאג איך אייך אז ווען איר וועט זיא נאר דער הערין וועט איהר זיך, איך בעט איבער אייער כבוד, פשוט מחיה זיין.

וואס איז פאר אבשורה? — האט קלמן נייגייעריג געפרעגט.

וואס פאר שטייט איר ניט דיא בשורה וואס איך האב אייך געבראכט מסתמא רעט זיך דא איך בעט איבער אייער כבוד וועגין

ד׳א בארד אשידוד

אשידוך. אבער אשידוך זאג איך אייך פון שידוך לאנד, מיט אזא שידוך מעג מען זיך איך בעט איבער אייער כבוד צאצקען אין אלע גאסן, דאס איז אשידוך אשר לא שידכו אבותינו.

פאן וואנען איז דער חתן?

דער חתן איז איך בעט איבער אייער כבוד טאקי פון ה״א. איר קאנט אים זייער גוט, דאס איז איד וואס מיט אים באדארפן זיך אלע יודען איך בעט איבער אייער כבוד בענטשן.

זאגט זשע שוין ווער איז ער.

ער איז פול איך בעט איבער אייער כבוד מיט תורה, און מיט יראת שמים. ער איז שוין אפילו אלט אין ערך פון דרייסיג ביז פינף און דרייסיג יאהר, אבער איך וואלט ניט פערביטן זיין מינדסטן נאגיל אויף אלע יונגע צוציקעס. ערשטינס איז ער אלמדן איינער אין דער מדינה, צווייטינס איז ער אנגעשטאפט איך בעט איבער אייער כבוד מיט געלד און מיט יחוס, דריטענס איז ער אשיינער פארשיין, אקוקטאהנדיג אויף אים גילוכט זיך אזש איך בעט איבער אייער כבוד איב צו קושען.

גוט נוא איך גלויב אייך, אבער זאגט שוין ווער איז ער.

איך וועל אייך זאגין — האט דער שדכן גיזאגט אן גיסענד אגרויסן בעכער מיט בראנדוויין — נאר פריער מוז מען אריינגיסען איך בעט אייך איבער אייער כבוד אין גארגיל אריין. לחיים רבי קלמן! גאט זאל געבין דער זיוג זאל עולה ליפה זיין, אלע אייערע שונאים זאלין זיך איך בעט איבער אייער כבוד אמעשה אן טאן קוקענדיג אויף אייער מזיל.

ער האט אויסגעליידיגט דעם בעכער, און נאכדעם אז ער האט פארביסען מיט אשטיק פיש האט ער גיזאגט:

זעהט איר רבי קלמן, אצינד קאן איך, איך בעט איבער

אייער כבוד גאר אנדערש ריידין . איר ווילט דאך וויסען ווער דער חתן איז . איא ?

איך האב אייך שוין צעהן מאהל גיפרעגט .

איר פערשפארט גאר צו פרעגין , איר קאנט דעם חתן זייער גוט אזו פיל טויזינדער זאל איך האבין וויפיל מאל איר האט איך בעט איבער אייער כבוד מיט אים גירעט .

נוא הכלל לאמיך שוין פארט אמאל הערין זיין כשר'ן נאמען — האט קלמן אונגעדולדיג גיזאגט .

דאס איז רבי טארדוס דרייזיעס . נוא ? וואס זאגט איהר מחותן ? בין איך ניט גירעכט וואס איך האב גיזאגט אז מיט אזא חתן מעג מען זיך איך בעט איבער אייער כבוד בערימען אין אלע גאסין . איר געפינט דאך דא פון פייגיל מילך , תורה , יחוס , חכמה און נאך איך בעט איבער אייער כבוד אזו פיל געלד .

דאס איז אפילו ניט קיין שלעכטער שידוך — האט קלמן גע-זאגט נאכדענקענד — דא איז אבער דא אגרויסער חסרון . איהר פאר געסט אז טאדרוס איז שוין אבן ארבעים , און האט שוין גיהאט דרייא ווייבער .

נוא איז וואס ? און ווען ער זאל אפילו האבין איך בעט איבער אייער כבוד צעהן ווייבער איז דאס אחסרון ? אדרבא דאס איז דאך דיא גרעסטע מעלה איהר ווייסט דען ניט רבי קלמן קריין , אז אגוטער דאקטאר איז נור וועלכער האט שוין משלח גיוועען עטליכע קראנקע אין דער ערד אריין , וויל דער וויים שוין וויא אזוא צוא בעהאנדלען אקראנקען , און דאס וואס ער איז אביסיל עלטער איז אויך קיין חסרון ניט , נאר פאר איין עלטערין מענטשין קאן איין ווייב איך בעט איבער אייער כבוד לעבין גליקליך .

דיא בארד איך

איך וועל מיך מיישב זיין — האט קלמן גיענטפערט

וואס טייג אייך דאס ישוב הדעת? איהר זאגט שוין יא, וועט אייער טאכטער נאך היינט בייא נאכט איך בעט איבער אייער כבוד אכלה ווערין, אונ מאקע דיא וואך שפילין מיר דיא מזידיגע חתונה, פאר געסט ניט רבי קלמן לעב, אז אייך וועט דער שידוך איין קאפיקע ניט קאסטין, דער חתן פאר לאנגט ביי אייך קיין געלט ניט, ער וויל נאר איך בעט איבער אייער כבוד דיא כלה אליין.

וויא קאן דאס זיין ער זאל גאר קיין געלד ניט ווע׳לין? — האט קלמן העכסט פערגעניגט גיפרעגט.

פשוט איז פשוט וויא זאגט ער צוא וועלכע שווארצע יאהר דארף איך דאס געלד, איך האב גאט צוא דאנקען איך בעט איבער אייער כבוד אליין געלד, איך באדארף נור א שיין מיידיל, פון איין שיינע פאמיליע, אונ אבת תלמיד חכם, איך זאג אייך נאך אמאל רבי קלמן אז אייך וועט דער שידוך איין קאפיקע ניט קאסטין.

זעהט איהר, אויב ער וויל ביי מיר גאר קיין געלד ניט איז עטוואס אנדערש.

אזוא? מאג איך שוין פאר בעטין דעם חתן מיט זיין מאמע איך בעט איבר אייער כבוד אויף תנאים מאקע היינט ביי נאכט?

מיר וועלין דאס אפשר אפ לייגין אויף איבער אכט טאג שבת.

ניין! ניין רבי קלמן, איהר זייט איך בעט איבער אייער כבוד אגאנץ קלוגער מענטש אבער איך בין נאך קליגער פון אייך, איך וויים אז מיא רעט רבי טאדרוסין אצונד אשידוך מיט אסך געלד אונ מיט איין מיידיל פשוט איך בעט איבער אייער כבוד

אבת מלכה, און אויב איהר וועט לאנג ציהען קאן מאן חלילה וחס איך בעט טויזנד מאהל איבער אייער כבוד דעם אוצר ארויס חאפין, איהר פאלגט מיך היינט ביא נאכט שרייבין מיר דיא מזילדיגע תנאים, און אם ירצה השם איבער אכט טאג פרייטאג שטעלען מיר איך בעט איבער אייער כבוד די מזילדיגע חופה.

וויא טוט מאן אבער גלאט איין שידוך פון דער העלער הויט:

עפעס רעט איהר באמונות וויא אקינד, איהר קאנט דען איך בעט איבער אייער כבוד דעם חתן ניט? איהר באדארפט זיך דען נאך פרעגין אויף איהם? דוכט זיך אפילו אקינד אין וויג קאן דעם חתן איך בעט איבער אייער כבוד וויא איין ביזין שילינגער, נוא הכלל בלייבט דאס אזוא אז היינט ביא נאכט שרייבין מיר דיא תנאים, דען פון יענעם צד בין איך שוין איך בעט איבער אייער כבוד פארטיג.

נוא ממה נפשך, מסתמא איז דאס אבאשערטע זאך מסתמא איז דאס וויא זאגט יענער מן השמים.

מן השמים! — האט דער שדכן העכסט ערפרייט אויס געשריען — וויא איך בין א יוד וויא דאס איז איך בעט איבער אייער כבוד מן השמים, איהר וועט זעהן רבי קלמן וויא איהר וועט מיר דאנקען און דאנקען, צייט איר וועט לעבין וועט איהר מיר איך בעט איבער אייער כבוד דער מאנען צוא גוטין, נוא איצונד מאג מאן דאך געוויס נעמען אביסיל בראנפין לחיים רבי קלמן גאט זאל געבין איהר זאלט אין דיא עלטערע יאהרין איך בעט איבער אייער כבוד האבין נחת און גדולה, און אם ירצה השם איבער איאר אין דער צייט זאל מאן אייך איך בעט איבער טויזנד מאהל אייער כבוד אפ געבין איין מזל טוב פון אייער חנהלע׳ס אברית אמן.

ער

דיא בארד

ער האט אוים געליידינט דרייא כוסות, איינע נאך דיא אנדערע.

איצונד לויף איך צוא רבי טאדרעסין איך וועל איהם אן זאגין אז היינט בייא נאכט ווערט ער איך בעט איבער אייער כבוד אחתן, איך וועל נאך אריין לויפין צום סופר אונ הייסין ער זאל קומען מיט דער פען שרייבין דיא תנאים, איך וועל גייענדיג אריין לויפין איך בעט איבער אייער כבוד אין בית מדרש אונ וועל רופין דעם שמש צוא אייך ער זאל פאר בעטין איין עולם אויף תנאים, האט מיר אגוטין שבת רבי קלמן, אי וועלין מיר דאס היינט בייא נאכט איך בעט איבער אייער כבוד אלעב טאן אז גאט אונ לייט וועלין אונז מקנא זיין.

מיט די ווערטער איז ער ארוים געלאפין פון רבי קלמנס שטוב.

ד׳.

שבת נאך דעם קוגעל.

חנה רבי קלמנס איז געזעסין שבת נאך מיטאג אין איהר צימער אונ האט געזונגען דאס ליעד:

מיין ליבער שטייט אנטגעגין מיר
איך הער זיין זיסע שטים
מיין אונגליק איז גרוים אן אשיר
מי לאזט מיך ניט צו צוא איהם.

ער שטייט אונ ווינקט מיר מיט דער האנד
צוא מיר אנטלויף געשווינד
צווישען אונז שטייט אבר אוואנד
וועה איז מיר, אך אונ ווינד!

וואו נעם איך פליגלען זאגט מיר גוואלד
איך זאל קענען יעצט פליהען
וואלט איך דאך געפלויגן באלד
צוא מיין ליבען אהין .

דוא פאר שפארסט צוא פליהען מיין פינגערע , איך וועל דיך פון אלע צרות ארויס טראגין — האט זיא פלוצים ערהערט איין שטימע .

און אין איהר צימער איז אריין גיקומען שמחה טויד .

גוט שבת דיר הנהלע ! — האט שמחה גזאגט ארייןקומענד — דוא זעהסט האטש וויא גאט האט דיין בקשה אן גינומען , דוא האסט גיבעטין פליגעלאך , נוא און פליהען איבער פעלדער און וועלדער , איבער שטיינער און ביינער , איבער בערג און טהאלען ביז מיר וועלין קומען גלייך צוא דיין ליבין וועלכער ווינקט צו דיר .

איך פא־ שטייא גאר אייערע ווערטער ניט רבי שמחה — האט הנה פערשעמט גיענטפערט — זאגט מיר וואס מיינט איהר .

ארוניא ! וואס פאר שטייסטו דא ניט ? איך מיין טאקע דאס וואס דוא מיינסט , דוא ווילסט דאך חתונה האבין מיט חיימען , און איך וויל דאס אויך .

וואס פלוידערט איהר ? ווער האט דאס אייך גיזאגט ?

מיר האט דאס גיזאגט דער מלאך בייא וועלכין איך האב פליגלען געליהען פאר דיר , דוא פאר שטייסט ? מיר האט דאס דער ציילט טאקע חיים אליין .

ניין איך גלויב דאס ניט — האט הנה פאר שעמט גיענטפערט .

דוא האסט דאך איין סימן אז איך וויים אלץ , נאך אבעסערין סימן וועל איך דיר זאגין אז געכטין בייא נאכט האכט

זיך גיזעהן מיט חיימן בייא איך אויפין הויף, אונ ער האט דיר גיגעבין אזא קוש וואס האט אקלונג גיטאן אזש ביז צום הימיל איא איך וויים אלין, נאר שעם זיך ניט חנהלע, דוא וו'יסט דאך אז איך בין ניט פון דיא יודען וואס האלטין אזעלכע זאכין פאר עבירות, הלואי רבונו של עולם אויף מיר געזאגט געווארין אזעלכע חטאים.

נייט שוין גייט, איך געלוזט זיך חוזק צוא מאכין.

חוזק מאכען? נארוניא וואס האב איך דא חוזק צו מאכין, הלואי וואס איך ווינזט דיר זאל מיר גישעהן, חאטש מיר האבין וויינינ גירעט, אונ זיינען נאך גאר וויינינ בעקאנט, פון דעסט וועגין בין איך דיר אסך אגרעסערער גוטער פריינד אלס דיין טאטע, דען ער וויל דיך אב געבין צוא אזא שלאק, צוא אזא גזר דין וויא מיין שוועכטער קינד טאדרום איז, אונ איך וויל דוא זאלסט נאר חתונה האבען מיט חיימן, אונ ווען דיא וועלט זאל אונטער גיין מוזטו זיין חיימס ווייב.

זאגט מיר דעם אמת רבי שמחה, איהר מיינט דאס ערינסט וואס איר רעט? — האט חנה פאר וואונדערט אונ נייגעריג גיפרעגט.

זאל מיר גאט שטראפין, אויב איך מיין דא קאטאוועס — האט זיך שמחה געשווארין זאל איך אזו זיין אטאטע בייא מיינע קינדער וויא איך וויל באמת דוא זאלסט זיין חיימס ווייב, אונ איך זאג דיר צו אז אויב דוא וועסט מיר נאר פאלגין אלעס וואס איך וועל דיר הייסין וועט נאך אין אקורצער צייט זיין איה"ש אייער חתונה.

זאגט וואס זאל איך טאן — האט חנה געפרעגט אונ טרערין האבין זיך געוויזען אין איהרע שיינע אויגען.

דיא בארד   דוא

דוא באַראַרפסט שרייען אין איין קול אַז דיר געפעלט דער שידוך מיט רבי טאדרוס דרייזיעס .

וואס — האט חנה פערוואונדערט געפרעגט .

דוא הערסט דען וואס איך רייד ? איך זאג דאך דיר אַז דוא באַראַרפסט נור שרייען אַז קיין אַנדער שידוך ווילסטו ניט נאר מיט טאדרוס דרייזיעס .

בנאמנות איך פאר שטייא גאר ניט וואס איר רעט .

נארוניא ! וואס איז דען דא צוא פאר שטיין — האט שמחה געלאכט — דוא ווייסט דען ניט דיא נאטור פון אונזערע יודען , זאל אַקינד זאגען זיינע עלטערין אַז ער האט ליב בייגיל וועלין איהם דיא עלטערין הייסין עסין בולקע , זאל ער זאגען אַז ער וויל בולקע וועלין זיי איהם הייסין עסין בייגיל , ווען דוא וועסט חלילה נאר פון מויל אויס ריידין אַז דוא ווילסט טאדרעסין ניט , וועט דיין טאטע שרייען אַז ער וויל דוא זאלסט נאר חתונה האבע מיט טאדרעסין , אונ ווען דוא וועסט נאך אַרויס לאזין פון דיין מויל אַז דוא האסט ליב חיימן מאגסטו זיין זיכער אַז חיים וועט שוין קיין מאל דיין מאן ניט זיין , דארום זאלסטו זיך האלטין בייא איינם אַז דוא ווילסט טאדרוס זאל זיין דיין מאן , אונ איך וועל שוין מסתמא אַרבעטין מיט אַלע כלים אַז דיין טאטע זאל וועלין נאר חיימן וועט שוין אויס קומען מכילא גוט , אונ טאמער מיינסטו אַז איך מיין דא עפעס חכמות וייל טאדרוס איז מיינער אַקרוב , נא לייען איבער דעם בריף וועסטו שוין וויסין מיט וועמע דוא רעדסט .

בייא דיא ווערטער האט ער אַרויס גינומען אַבריף פון טאש אונ האט איהם גיגעבין חנהין וועלכע האט באלד ערקאַנט חיימס האנדשריפט , זיא האט גילעזין דיא ווערטער .

טייערער ליבע חנהלע !

מיא וויל אונז צוא שיידין ליבע חנה, אויף עוויג וויל מאן דיך פון מיינע הענד רויבען, נאר ניט אזוא גיך וועל איך דיך ארויס לאזין פון מיינע הענד, גיכער וועט מאן מיין נשמה פון מיר רויבען איידער דיך, איין מאל האבין מיר זיך בעשלאסין צוא זאמען דאס לעבען דורך צוא גיין, אונ דער בעשלוס מוז הייליג בלייבין, דער איבער בריינגער דיזעס בריפעס שמחה פערילשטיין איז מיינער דער בעסטער פריינד, ער איז פערטיג פון אונזערט וועגין אלעס צוא טאן נור אום אונז צוא אונזער ציל צו פירין, אלזא זאלסטו זיך אן פערטרויען אין איהם זא וויא איך, וואס ער וועט דיר ערציילין איז וואהר, אונ וואס ער וועט דיר בעפאלין זאלסט דוא געהארזאם זיין.

איך האף אז דוא וועסט מיין וואונש ערפילען, אונ דער מיט בלייבע איך דיין עוויגליבענדער ברויטיגאם חיים קליינאד.

זעהט איהר רבי שמחה אצונד איז גאר אנדערע ווערטער— האט חנה העכסט ערפרייט גיזאגט, וואס איהר וועט מיר הייסין וועל איך באלד טאן.

איך האב פריער געוואוסט אז דוא וועסט אזוא זאגין— האט שמחה לאכענד גיזאגט — אונ מיר וועלין יעצט ריידין גאר אפען, זאג מיר דאס איז איין אמת וואס איך האב גיהערט אז חיינט ביי נאכט דארף ביי דיר זיין תנאים מיט טאדרוסין.

יא דאס איז אנ׳אמת—האט חנה מיט אזיפצין גיענטפערט— תנחום דער שדכן איז דא היינט נאך דעם דאוונען גיוועזע אונ האט אזוי לאנג איבער גיבעטין דעם טאטינס כבוד ביז ער האט איהם איינגירעדט ער זאל היינט ביי נאכט שרייבין תנאים מיט טאדרוסין.

נוא אונ דיין טאטע האט מיט ד״ר גאר ניש׳ט גירעט וועגין דעם שידוך.

ניין! איהר ווייסט דעו ניט אז מיין טאטע איז ניט פון דיא מענשין וואס פרעגין דעות באי זייערע קינדער, ער וויים גאנץ גוט אז צו איך וועל וועלין דעם שידוך אדער ניט וועל איך אלץ מוזען טאנצין נאך זיין פייפיל.

שמחה האט איינינע מינוטען גיטראכט אונ האט נאכהער געזאגט: עס מאכט ניט אוים, זאל זיך דיין טאטע שרייבין תנאים מיט טאדרעסין, אונ צו דער חופה וועסטו גיין מיט חיימן.

זאגט מיר אויך וואס איהר קלערט צו טאן?

דו באווארפסט דאס גאך ניט וויסע׳, נור איין זאך וועל איך דיך פרעגין דו וועכט קענין לייהען חיימן אויף אפאר שעה עטליכע טויזענד רובל.

וואס רעדט איהר גאט איז מיט אייך, וואו זאל איך נעמען אזו פיל געלד.

שא שרעק זיך ניט אזו — האט שמחה לאכענד גיזאגט — זאג מיר גאר, דיין טאטע ווייסין מיר דאך איז אנגישטאפט מיט גאלד, וואו האלט ער זיין געלד.

ער האלט דאס געלד פע־שלאסין אין אפייערקאסע וועלכע שטייט ביא איהם אין צימער.

נוא, אונ אין צימער קומט קיינער ניט אריין?

קיין מענש אויסער מיר דארף זיך וואגען אין דעם צימער אריין צו גיין.

נאך אזאך וועל איך דיך פרעגין חנהלע, דיין טאטע ציילט אלע טאג זיין געלד? — האט שמחה נאך אקורצער פויזע גיפרעגט.

ניין ניט אלע טאג נאר איין מאל אין דער וואך דאנערשטאג

דיא בארד   בייא

בייא נאַכט דאַן מאַכט ער אַרעכענונג פון דיא ציַנזין וואָס ער האָט דורך דער וואָך אָבגענומען און ציילט איבער זיין קאַפּיטאַל.

זייער גוט, דאָס באַדאַרף איך וויסען.

צו וואָס באַדאַרפט איהר דאָס וויסען? — האָט חנה פער־וואונדערט געפרעגט.

איך וועל דאָס דיר ערקלערין, מיר ווייסין דאך ביידע אַז דיין טאַטע איז אַקאַרגער מענש, איהם איז געפעלין דער שידוך מיט טאדרעסין גאָר פּשוט דער פאַר וואָס ער וועט דיר קיין נדן ניט דאַרפין געבין, ער ווייס אַז טאדרוס איז רייך און ער דאַרף זיין געלד ניט, מוז מען דיין טאַטין ווייזין אַז חיים דאַרף אויך זיין געלד ניט, אַז ער איז אויך רייך, און אום איהם דאָס איין צושמועסן מוזטו בעקומען פון דיין טאַטינס קאַסע עטליכע טויזענד רובל און געבין חיימן, חיים זאָל זייא קענען ווייזין דיין פאָטער, און קיים וועט ער איהם שוין דאָס געלד ווייזין דאַמאָלס וועט ער דיר דאָס געלד צוריק אָפּ געבין, און דוא וועסט דאָס לייגין צוריק אויף זייער אָרט, איך גלויב אַז דו וועסט קיין מורא ניט האָבין צו גיטרויען חיימן געלד, אַיאַ חנהלע.

גוט אָבער וויא אַזוי זאָל איך בעקומען דאָס געלד?

דאָס פרעג מיך ניט, גיב זיך אַליין אַנ׳עצה, דו ביזט שוין קיין פּיצול קינד ניט, אַז דו וועסט נאָר וועלין וועסטו שוין בעקומען.

וויפיל געלד דאַרף מאַן דאָ האָבין — האָט חנה גיפרעגט נאָך אַקורצעם נאָך דענקען.

וואָס מעהר איז בעסער.

און אין וועלכען טאָג באַדאַרף מאַן דאָס?

אויב דו וועסט קענען בעקומען מאָרגין איז געווים גוט.

איך האָב שוין אַנעצה — האָט חנה פלוצים גיזאָגט העכסט

יא באָרד ערפרייעט

ערפרייעט — איך וועל אריין גיין מארגען צו דער גרעפין קאצינסקי אונ וועל ביא איהר בעטען אין מיין פאטערס נאמען ליישן פינף טויזענד רובל, דען איך האב שוין עטליכע מאהל ביא איהר גענומען געלד פאר מיין פאטער, אלזא מארגען אום צוועלף אוהר וועל איך זיין ביא דער גרעפין, אונ צו יענער צייט זאל חיים אונטער קומען צו דער גרעפינס הויז וועל איך איהם דאס געלד געבען.

אוים געצייכענט! בראוואָ! — האט שמחה שטארק צופרידען גיזאגט — דו וועסט זעהען וויא מיר וועלין אלעמען פערבלענדין דיא אויגען, אונ גאר גיך וועל איך טאנצין אויף דיינע מיט חיימס חתונה, נאר שא! דוכט זיך איך הער דיין טאטינס הוסט, ער האט שוין געמוזט אויף שטיין פון שלאף, איך מוז אריין גיין צו איהם אונ וועל איהם אביסעל פערדולען דעם מוח.

ער האט גערייכט חנהן דיא האנד צום אבשייד אונ איז אריין געגאנגען אין זאאל.

גאטס וואונדער!

[illegible] אונ אפיינער גוט שבת אויף אייך רבי קלמן! — האט ש[illegible] אוים געשריען אריין געהענדיג אין זאאל צו קלמן פעריקעס וועלכער איז גיזעסין אין זיין שלאפראק נעבין טיש אונ האט געשיילט באב.

שמחה? — האט קלמן פערוואונדערט גיפרעגט — וויא קומסטו פלוצים אהער

אט האקטו דיר אקשיה וויא קום איך אהער — האט שמחה לאבענד גיענטפערט — וואו קומט דען שמחה ניט? דארט וואו מיא זייט איהם ניט וואקסט ער פלוצים אויס.

דיר ליגט נאך אלץ אין זינען לצנות און לצנות.

היינט וואס דען זאל מען טאן רבי קלמן איהר זאלט מיר לעבין, אז קיין תורה קאן איך ניט, קיין געלד האב איך ניט, נוא וועגין וואס קאן איך דען אנדערש ריידין וועט ניט לצנות;

געה דו ביזט אשטיקיל שייגעץ דער פאר וואס דו האסט אוועק געווארפין לערנען, איך האב דיך פיינד — האט קלמן מיט אשמייכיל גיזאגט.

וואס? מיך האט איהר פיינד רבי קלמן? ערבארמט אייך וואס רעדט איהר? איהר פאר געסט אפנים אז מיך באדארפין אלע מאנסלייט ליב האבין.

פאר וואס באדארף מאן דיך אזו ליב האבין?

אקליינינקייט פאר וואס, איהר פערגעסט אז איך הייס „מויד“ נוא און איהר ווייסט דאך רבי קלמן אז אפילו אלטינקע האבין אז ך ליב אמויד.

אי גיקוילעט זאלסטו ווערין ליץ — האט קלמן גיזאגט און האט זיך שטארק צוא לאכט — חלעבין דוא האסט גיקאנט זיין אגוטער בדחן.

און וואס מיינט איהר רבי קלמן, איך קלער דאס טאקי, חלעבין אבדחן זיין איז אתענוג, מיא געהט אויף אלע חתונות, מיא זעהט אן אלע כלות, מיא מאכט זייא וויינענדיג און לאכענ-דיג, מיא עסט לעקאך מיא טרינקט בראנפין, אויב איהר וועט וועלין וועל איך מאכין אנ'אנהייב ביא אייער טאכטער אויף דער חתונה, איך וועל מיך געבין אשטעל און וועל געבין אגעשרייא.

הרדרדי דער גרויסער למדן און דער גרויסער גביר
זיין פארמעגין גיזאגט געווארין אויף מיר
ער איז אכשרער יוד, נאר נעבאך אנ'אלמן
מורני הרב, הצדיק, הגאון רבי קלמן
אוואריע מאכט פאר איהם מחותנים אלע
מכבד ער זאל בענטשין זיין טאכטער דיא כלה.
ער גייט! ער גייט! ער גייט! ער גייט!

נוא וויא גיפעלט אייך מיינע גראמען?

חא חא הא! האט קלמן גילאכט און האט זיך געהאלטין אין דיא זייטין — באמונות דו קאנסט אטויטין אויך לאכעדיג מאכין, אי ביזטו אמחשמוניק!

ווארט רבי קלמן דאס איז נאך ניט גאר, איהר וועט נאך ערשט הערין פון מיר תורה, מיר וועריז דאך באלד מחותנים, וועל איך דאך ווערין אנ'איינגעהער ביא אייך אין שטוב דענצמאלט וועל איך מאכין, איהר זאלט האלטין אין איין לאכין.

וואס פאר מחותנים ווערין מיר דאס?

אקליינינקייט, וואס פאר מחותנים. עפעס פאר געסט איהר אז אייער חתן רבי טאדרוס איז מיינער אלייבליכער שוועסטערקינד.

יא באמונות, דוא ביזט גירעכט איך האב מיך גאר פארגעסין, נור זאג מיר פון וואנען ווייסטו אז טאדרוס וועט זיין מיין טאכטערס חתן.

אקשיה פון וואנענט איך וויים, עפעס בין איך דאך דעם חתנס אשוועסטער קינד, מסתמא זעער ציילט ער מיר אלע זיינע סודות, איך זאג אייך רבי קלמן אז איהר דארפט דאנקען און לויבין גאט דער פאר וואס ער האט אייך צו געשיקט אזא גאלדענעם טהייערן חתן, עפעם אקלייניגקייט וואס טאדרוס איז אייד

אנגיד, אלמדן אמיוחס, אונ אדימאנטינער מענש פשוט און אגאל.

דו מוזט דאך איהם ליבין וייל ער איז דיינער אקרוב.

ניין איהר האט אטעות רבי קלמן, ביי מיר איז דאס ניטא, איך האב פיינד צו ליבין אמענשין אומזיסט, ווען ער זאל אפילו זיין מיינער אברודער, וואס אמת איז אמת פון דעם אמת קאן מען ניט אוועק גיין, טאדרום איז איינער אין דער מדינה אין אלע פרטים, איין חסרון האט ער וואס ער איז נעבאך צווישען זיך ריידענדיג אשטיקיל בהמה, דאס הייסט אנאר, נאר דאס איז פון דיא קליינע חסרונות, מיר ווייסין דאך יא רבי קלמן אז דאס גליק גייט נור צו דיא נאראנים.. אייער טאכטער וועט אם ירצה השם גליקליך זיין פאר איהם.

וויא איז דיא מעשה ער איז טאקי אגרויסער נאר? — האט קלמן גיפרעגט מיט אנ׳ערנסטע מינע.

אי זאלט איר מער קיין צער ניט האבין, אונ אז אגרויסער נאר איז וואס, אבי ער קאן גוט לערנען אונ האט געלד, דער פאר איז דאך אייער טאכטער אקלוגע זיא וועט איהם שוין אויך קלוג מאכין.

קלמן האט אראפ גילאזט דיא נאז.

לאמיר ריידין וועגין פריליכערע זאכין — האט שמחה גע-זאגט — אויב איהר ווילט וועל איך אייך דער ציילין שיינע נייעס.

וואס פאר אנייעס?

איהר קאנט דאך מסתמא איצעלע דרייאקאפ.

אשאלה צו איך קאן איהם.

זיין זון חיימן קאנט איהר אויך.

יא דעם אפיקורים, איך קאן איהם.

איהר וועט לאבין ווען איך וועל אייך דער ציילין וואס פאר

דיא בארד אנאיבערקערעניש

אנ'איבערקעהרעניש אויף דיא דרייאקעפ איז געוואָרין, געכטין איז אנגעקומען דורך אנ'נאראטשנעם פון אויסלאנד צעהן טויזענד רובל איצעלים זון חיימן.

וואס רעדסטו? — האט קלמן פערוואונדערט גיפרעגט.

אט דאס וואס איהר הערט, עפעס איצעלע דרייקאפס אשוואגער דער ווייבס אברודער וועלכער האט געוואהנט אין פרייסין איז געשטארבין, ער האט איבער גילאזט אגרויס קאפיטאל, און וויל ער האט קיין קינדער ניט איבער גילאזט האט ער אב-געשריבען אויף זיינע קרובים זיין גאנץ געלד, איז אנגעקומען אויף חיימן זיין שוועסטערס זון צעהן טויזענד קארבין, געכטין האט ער זייא דער האלטין.

אטשיקאוועס חלעבין — האט קלמן אויסער זיך פאר ער-שטוינען גיזאגט — האט דער אפיקורס פלוצים געראשעט צעהן טויזענד קארבין? איצט וועט ער זיך שוין גאר נעווים טויפען.

יא אזו האבין טאקי אלע געמיינט — האט שמחה קאלט גיענטפערט — נאר הערט אווינדער, וויא חיימקע האט ערהאלטין אזו פיל געלד איז ער פלוצים גאר אנ'אנדער מענש געוואָרין, דאס הייסט ער איז געוואָרין אבעל תשובה, ער האט באלד גע-קויפט אנייעם ש"ס, און האט אנדר גיטאן ער זאל פון היינט אן און ווייטער זיטצען און לערנען אזו לאנג ביז ער וועט ווערין ארב, היינט האט ער פון זיך אראפ געווארפין דעם דייטש און און איז געוואָרין אחסיד אין אלאנגין קאפטין.

וויים איך דו מוזט דאס לאכין.

לאכין זאל איך מיט בלוט אויב איך לאך, זאל מיך מיין ווייב היינטיגען טאג באגראבין אויב איך זאג אייך ליגען.

איז דאס טאקי אמת? דאס איז דאך עפעס נפלאות הבורא.

וואס דען מיינט איהר רבי קלמן, אז גאט וויל קעהרט ער אין איין מינוט דעם ערגסטען מענשען איבער אונ מאכט אים פאר אצדיק, איהר וועט נאך זעהן וואס דער סוף וועט זיין, אט דער חיימקע וואס מיא האלט איהם פאר איין אפיקורס ער וועט נאך ווערין מיט דער צייט ארב, ווארום לאמיר זיך ניט נארין, אקאפ האט ער אנגעווענדען, אונ לערנען קאן ער בעססער פון אלע לומדים.

ביא גאט איז אלץ מיגליך — האט קלמן גיענטפערט — נאר עפעם גלויבט זיך מיר ניט אז חיים האט מקבל ג[illegible] צעהן טויזענד רובל, דיא גאנצע שטאט וואלט דאך דער מיט[illegible]גקלונגען.

קיינער אחוץ מיר וייס דאס נאך ניט, וייל איצעלע דרייא-קאפף האט מורא פאר זיין הרע האט ער אנגיזאגט דעם זון ער זאל דאס פאר קיינעם ניט דער ציילען, אונ איך האב דאס ער-פאהרען דורך אצופאל, דען איך בין נעכטין פאר נאכט אריין געקומען צו איצעלען מאנען בייא איהם אשטיקעל חוב וואס מיר קומט האב איך געטראפין חיימן אין זיין חדר, ער איז גיזעסין אונ האט געציילט אגאנצין פאק בילעטין, מיר איז דאס זייער קשה געווארין, „וויא קומט צו דעם קאפצין אזוי פיל געלד?" האב איך זיך געקלערט, איך האב מיך ניט גישעמט, איהר וייסט דאך אז איך בין אשטיקעל עזות פנים, האב איך איהם גיפרעגט דיא קשיה מה לכהן בבית הקברות וויא קומסטו אביון צו אזוי פיל געלד. חיים האט מיר דער ציילט דיא גאנצע מעשה, אונ האט מיך גיבעטין איך זאל קיינעם דער פון ניט דער ציילין, נור איך קאן מיך ניט איינהאלטין האב איך דאס אייך דער ציילט, טאקי נאר אייך וייל איך וייס אז איהר זענט אגרויסער בעל סוד.

ניין איך גלויב דיר ניט, דו קאנסט אמאהל אויף זאגין אשטיקעל ליגין האב מיר קיין מאר איבול ניט.

נוא אז איהר גלויבט מיר ניט בעדארף מאן ניט, אונ איך צווינג אייך נאר ניט איהר זאלט מיר גלויבען, אז עס איז געקומען צו רייד האב איך דאס אייך דער ציילט, יא מחשבותן אויף אייער טאכטערס תנאים וועט איהר דאך מיך מן הסתם בעטין, עפעס בין איך דאך אייערער פון דיא אמתא גוטע פריינד.

איך דארף דיך דען בעטין, דו ביזט דאך אפשר דעם חתנ'ס אקרוב דארף ער דיך שיקען רופען אויף זיינע תנאים.

דאס איז גאר אבעזונדערע זאך, פון זיין צד וועט ער מיך מסתמא בעטין, אונ איהר פון אייער צד בעדארפט אויך יוצא זיין אונ איינלאדין מיך אויף אייער שמחה.

מאבטייסע איך בעט דיך זייער, קום צו גיין.

איך דאנק אייך זייער רבי קלמן, איך האב אבער קיין צייט היינט בייא נאכט צו קומען, האט שמחה גיענטפערט שמייכלענד.

וואס סטאטש? דו האסט זיך דאך אליין אנגעשלאגין איך זאל דיך בעטין אויף תנאים.

איהר בעדארפט יוצא זיין אין מיך בעטין, אונ איך בעדארף שכל האבין אונ ניט קומען, דען וויא קום איך שמחה מויד צו זיין בייא רבי קלמן פערקעס אויף תנאים, איהר זענט פון דיא גרויסע בעלי בתים אונ גרויסע נגידים, אין איך בין אפראסט מענטשעלע.

געה שוין געה, דו רעדסט נארעשקייט.

איך געה טאקי, איך האב מיך דערמאהנט אז איך בעדארף נאך אריין גיין צו אייער חתן, דאס הייסט צו מיין שוועסטערקינד רבי טאדרוס, האט מיר אגוטען שבת רבי קלמן.

אגוטער יאהר געה געזונד — האט קלמן שטאלץ גיענטפערט.

דיא בארד שמחה

שׂמחה איז אַרויס געגאַנגען און האָט צו זיך אַליין געשמייכעלט, אַשטיקעל פונדאַמענט האָב איך שוין געלייגט מסתּמא וועט דער גאַנצער בנין (געבּיידע) פאַרטיג ווערן, האָט ער צוא זיך אַליין געזאָגט.

חיים דער אפּיקורס האָט געריבען זעהן טויזענד רובל?— האָט קלמן פּערקעס אויך צו זיך אַליין געזאָגט אַלס שׂמחה איז אַרויס געגאַנגען — דאָס מוז זיין אַליגען, און אויב דאָס איז אמת איז דאָס נור גאָטס וואונדער.

ו.

טאָדרוס איז אין הימעל

אָבער זייט האָטש מודה ר׳ טאָדרוס, ווער עס איז שיין, און איך בין איך בעט איבער אייער כבוד, אהכם — האָט תנחום דער שדכן גיזאָגט אין יענעם שבת צוא אונזער ר׳ טאָדרוסען.— האָב איך אייך גיזאָגט אַז איך מוז אייך מאַכען, איך בעט איבער אייער כבוד, רבי קלמנס טאָכטער זאָל זיין אייער כלה, און מיינס האָב איך אויס געפירט. היינט בייא נאַכט ווערט איר מיט מזיל חנהלעס חתן, אָבער אַכלה נעמט איר. אַכלה וועלכע מעג איך בעט איבער אייער כבוד זיין אַ מלכּה.

אַשיינעם דאַנק אייך רבי תנחום — האָט טאָדרוס פאַרגעניגט גיענטפערט — איך וועל אייך דער פאַר באַפרידיגען אַז איר וועט אַליין זיין צו פרידען.

דאָס ווייס איך אַז איר וועט מיר, איך בעט איבער טויזענד

מאהל אייער כבוד בעפרידיגען. ווארום איר זענט דאך איין ער-
ליכער יוד, אונ איר פאר שטייט וויפיל איך בין ווערט. עפעס
אקליינינקייט אזא כלה, מיט אזא כלה מעג מען דאך איך בעט
איבער אייער כבוד שטאלצירען וויא מיט אנאבען טוב. מען זאל
אוים פארין פון איין עק וועלט ביז דער אנדערער עק וועלט וועט
מען דאך ניט געפינען איך בעט איבער אייער כבוד אזא גאלדענע
שיינע כלה.

אבער זאגט מיר רבי תנחום איז דאס שוין געוויס אז היינט
בייא נאכט וועט זיין תנאים?

אשאלה אביסעל צו געוויס, עפעס רעט איר דאך, איך
בעט איבער אייער כבוד מיט תנחום דעם שדכן. אונ אז תנחום
זאגט רעט ער ניט פון דער פוסטער פאס, מיר האט רבי קלמן
אליין מיט זיין מויל, איך בעט טויזענד מאל איבער אייער כבוד,
גיזאגט אז ער איז מסכים צוא דעם שידוך, אונ ער וויל היינט
בייא נאכט זאל זיין דיא מזלדיגע תנאים. דאס בין איך אייך
גיקומען זאגין איר זאלט איך בעט איבער אייער כבוד זיין גרייט.
אונ פון אייך גייא איך גלייך אוועק צו רבי גרונם דעם סופר אים
הייסין ער זאל זיך אויך, איך בעט איבער אייער כבוד, ניט לאזין
בעטין אונ זאל קומען היינט בייא נאכט צו רבי קלמנן שרייבין
דיא תנאים. האט זשע מיר רבי טאדרוס אגוטען שבת, איך מוז
לייפין איך בעט איבער אייער כבוד צום סופר.

אונ מיט דיא ווערטער איז תנחום ארויס געלאפין.

טאדרוס האט זיך גינומען רייבין דיא הענט פאר גרויס
שמחה, אגליקליכער שמייכעל איז אויף זיינע ליפען גילעגין. ער
איז צו גיגאנגען צום שפיגעל האט זיך בעטראכט, אונ וויא עס
ווייזט אוים איז ער זיך זייער גיפעלין גיווארין, דען ער איז אב-

געשטאנען געגען דעם שפיגעל בייא אפירטעל שטונדע אונ האט זיך גאר זאט ניט גיקאנט אבקוקען פון זיין פיגור. ער איז זיך געשטאנען אזו פערגעניגט זא דאס ער האט ניט גיהערט וויא זיין מוטער דרייזיע איז אריין גיגאנגען.

אשיינער מענש ביזטו ניטא וואס צו ריידין — האט דרייזיע צו אים גיזאגט דוא האסט דאס גאר מורא גיהאט מיר צו דער-ציילין ביז אהער אז מען רעט דיר אשידוך מיט רבי קלמן פערקעס טאכטער. פינקט וויא איך זאל זיין אפרעמדע. ווען תנחום דער שדכן זאל מיר ניט גיוועזן אצונד באגעגען, אונ זאל מיר ניט דער ציילין אז היינט בייא נאכט איז בייא דיר תנאים וואלט איך דאס גאר ניט געוואוסט. אזא ערליכער יוד ביזטו דאס? אזוא גיבסטו דאס אפ כבוד אב. דאס באצאלסטו מיר אזו פאר מיין מיה וואס איך ארבייט וויא איין אייזיל פון דיינט וועגין.

נוא מאמע דיר איז גיפעלין דער שידוך?

דוא האסט מיך דען גיפרעגט פריער צו דער שידוך איז מיר גיפעלין? דוא ווילסט דען פאלגין מיין עצה? איך האב דאך א סימן אז דוא האסט שוין אבגימאכט היינט בייא נאכט זאל זיין דיא תנאים, גאר אן מיין ידיעה.

אבער יא מאמע אשיינע כלה?

איך פרעג בייא אים דאס, אונ ער ענטפערט מיר ביידים, האט דרייזיע צארניג געשריען, איך פרעג דאך דיר פאר וואס האסטו מיר ביז אהער ניט דער ציילט אז מען רעט דיר מיט רבי קלמן פערקעס? אצונד פערשטייא איך שוין פאר וואס דוא ביזט נעכטין קומענדיג פון באד אזו גיוועזן אין כעס אויף שמחה מויר. דוא האסט וויא איך זעה אליין חשק גיהאט צו חנהלע ר' קלמנס. אשיינער יוד ביסטו, טוט דאס אנערליכער יוד? מעג איוד אין

ציצית ליעב האבין אמיידיל ? פע שעמען מעגסטו זיך אין דיין פנים .

פאר וואס זשע האט דער טאטע דיך ליב געהאט ? דוא האסט דאך דאס אליין מיט דיין מויל דער ציילט .

געזונד זאלסטו אזו זיין וויא דיין טאטע, זאל דארט שטיין אונ בעטין פאר אונז, האט מיך ליב געהאט בשעת איך בין געוועזן אמיידיל . אז מיר האבין מיט מזול חופה געהאט, אונ איך האב שוין געהאט צוויא קינדער ערשט דענצמאלט האט ער מיך ליב געקריגען . אי אי אי ! דאס איז אביסיל אזינדיגער דור, מישטיינס געזאגט היינטיגע יודען זיינען בשיינע ראבין (בעונותינו הרבים) גאר קיין יודען ניט, מען האט גאר ליב מיידעלאך, טפוי אויף אייערע קעפ אויף אייער לייב אונ לעבין !

אין דער מינוט האט זיך געעפינט דיא טיהר אונ שמחה מויד איז אריין געקומען מיט אבריטין גוט שבת, טאדרוס איז רויט אונ באלד טויט געווארין, אלס ער האט דעם רוצח דערזעהן .

גוט שבת ! גוט שבת אייך דרייזיע, גוט שבת דיר טאדרוס ! — האט שמחה לאבענד געזאגט — האטש מיר האבין זיך נעכטין אביסיל צו האמפערט פון דעסט וועגין זיינען מיר דאך פארט קרובים, „אייגענע בלוט איז ניט קיין וואסער" זאגין דיא ווייבער : איך האב מיך באלד ארום געזעהן אז איך בין אומגערעכט געוועזן געגען דיר ליבער טאדרוס בין איך טאקי אצונד געקומען דיך איבער-בעטין, חלעבין עס פאסט ניט פאר אונז אזעלכע נאהינטע קרובים מיר זאלין זיין צוקריגט . אויב דוא וועסט מיר מוחל זיין זאג איך דיר צו אז איך וועל טאן פון דיינט וועגין אלעס וואס איך וועל קענען . אונ איך האב שוין דיר געטאן אטובה, פרעג רבי קלמן פערקעס וועט ער דיר זאגין וואס איך האב ערשט גירעט וועגין

דיר. איך האב אים גימאכט אזא חשק אז ער האלעשט דיא תנאים זאלין שוין זיין, נוא הכלל ביסטו מיר מוחל?

אנערליכער כשרער יוד מוז מוחל זיין — האט טאדרוס גע־ענטפערט — חאטש דוא האסט ניט פערדינט מיין מחילה פון דעסט וועגין בין איך דיר מוחל.

לאנג לעבין זאלסטו ליבער טאדרוס, זעסטו אצונד זעה איך אז דוא ביסט טאקי אנערליכער יוד, אונ דער פאר זאג איך דיר צו אז איך וועל מיך אויף דיין חתונה אזוי אנשיכרן אז איך זאל ניט וויסען בין ארור המן לברוך מרדכי. בנאמנות שווער איך דיר אז מיר טוט באמת הנאה וואס דוא נעמסט אזא כלה וויא קלמנס טאכטער איז, אזא מיידיל איז גאר אין דער וועלט ניטא.

נוא זאג אליין שמחה — האט טאדרוס פריינדליך גיזאגט — ביכטו נעבטין ניט ווערט גיוועזן מיא זאל דיך זידלען אונ מאכין מיט דער בלאטע גלייך, דוא ביסט דאך דוכט זיך ניט קיין נאר וויא זשע קומט צו דיר אזא נארעשקייט ריידין איר אשידוך מיט היימקע דעם אפיקורס? דוא ווייסט אז דאס איז אחילול השם.

אמת! וויא איך בין איוד דאס איז אמת! — האט שמחה גיענטפערט — עפעס ווייס איך אליין ניט וואס פאר אבייזע שעה איז אויף מיר גיוועזן וואס איך האב זיך אזא נארעשקייט אויס גירעט, נאר אזוי לאנג כריינקט איצעלע דרייקאפ מיט זיין זון וויא לאנג ניט קלמן אונ ניט חנהלע וואלטין זייא גיוואלט קענען, דער שידוך איז טאקי נור פאר דיר. חלעבין וויא געבארין פאר דיר. ווען דארפין דאס זיין דיא תנאים?

טאקי היינט ביי נאכט.

היינט ביי נאכט? צוא משוגע מיינע שונאים, וואס טוהסטו? — האט שמחה ערינסט גיפרעגט — וואס פאר אפנים

האט דאס פאר דער שטאט מאכין פלוצים אתנאים . מיא וועט דאך זאגין איינם פון דיא ביידע , אדער די כלה האט עפעס אחרון , דאריבער איילט זיך איר טאטע וואס גיכער חתונה מאכין איר , אדער דוא האסט אחרון תאפסטו וואס צום גיכסטען אונ שרייבסט אפ תנאים גאר ניט קיין סך גילעלערט . אי פע ! דאס גיפעלט מיר גאר ניט , עפעס שטייט איר אויף דעם פראסט ? אדער איינער פון אייך דארף חלילה שטארבין וואס איר ווילט אריין האפין דיא תנאים .

וויא איך בין איודענע שמחה רעט וויא אחכם — האט דרייזיע גיזאגט .

איך רייד וויא אקרוב , וויא איין אייגענער מענש דארף ריידין , עפעס מוז מען דאך יעדע זאך פירען מיט שכל מיט איין רעכנונג , איר ווייסט דען ניט וואס מיא זאגט אז פון איילעניש קומט קיין גוטס ניט ארויס , אונ אז דיא תנאים וועט זיין אין עטליכע טעג ארום איז דא איין אונגליק ? וואס פאר אפנים קאנט איר האבין טאקי ביא דעם מחותן אליין אז ער זעהט וויא איהר איילט זיך וואס גיכער אריין האפין זיין טאכטער . ניין זאגט אייך וואס איר ווילט אזוי טוט מען ניט ביא קלוגע מענשען היינט גירעט אונ היינט געשריבען תנאים דאס פירט זיך גאר ניט ביא יודען .

נוא וואס זאל איך טאן צוא מיינע צרות — האט דרייזיע גיענטפערט — דוא מיינסט אפשר אז ער האט מיך גאר גיפרעגט איין עצה , פאר דיר מעג איך דאך זאגין שמחהלע וויא פאר איין אייגענעם מענשין אז ער האט מיר אפילו ניט דער ציילט אז מען רעט אים דעם שידוך מיט קלמן פערקעס .

איהר ווייסט , איך וועל אייך זאגין נאך אזאך — האט

שמחה גיזאגט — מיר האט דא ניט לאנג קלמן דער ציילט אז ער ניט זיין טאכטער אקאפיקע גבן ניט . זעהט איר דאס פאר שטייא איך שוין גאר ניט , פאר וואס זאל דאס רבי קלמן ניט געבין זיין טאכטער וויינגסטענס האטש טויזענד רובעל . וואס איז ער פאר מאגט ניט ? איז דען טאדרוס ניט ווערט צעהן טויזענד רובעל נדן ? עפעס אזעלכע טאדרוסעס וואלגערין זיך אין דער גאס ? אונ אז ער וועט געבין זיין טאכטער צוואנציג טויזענד רובעל וועט ער טאן אבעסערין שידוך וויא מיט טאדרוסין , אקליינינקייט אזא שיינער יונגער מאן , אלמדן , אנגיד אונ אזא מיוחס , איר געפינט נאך אין דער וועלט אזא גאלדענע משפחה וויא אייערע איז .

ווער וויים נאך אזו וויא דוא שמחהלע וואס פאר יחסנים מיר זיינען — האט דרייזיע מיט אזיפטין גיזאגט — עפעס אקליינינקייט וויפיל רבנים בייא אונז אין דער משפחה זיינען גיוועז . מהתמא וויסטו דאך אז מיין עלטער זיידע רבי שלמוניוזא האט אליין גימאכט אגולם , אונ האט זיך גישלאגין עטליכע מאל מיט דעם מלאך המות . מיט זיינע ציצית האט ער אמאל פאר טריבען דעם כם אויף יענער זייט סמבטיון .

אשאלה צו איך וויים , אונ ווער וויים דאס דען ניט , צום סוף נעמט טאדרוס אונ באווייזט אז זיין משפחה איז בייא אים גאר נישט , פע חלשות בנאמנות , אמת מאקי מיט רבי קלמנען איז זייער אגוטער שידוך , אבער זאל ער האטש זעהן אז ניט אזו גרינג קומט אן אזא געשמאקער ביסען . זאל ער ערשטינס געבין אביסיל געלד , וואס ארט אייך אז איר וועט בעטין געלד , טאמער וועט ער געבין , ער וועט געווים געבין , ער מוז געבין . אונ אויב ער וועט ניט געבין וועט מען דאך צייט האבין שפעטער מסכים זיין האטש אן געלד .

נוא טאדרוס — האט דרייזיע גיזאגט צו איר זאהן — דוא
הערסט חאטש ווערטער ? דוא פאר שטייסט שוין וויא נארעש
דוא האסט דא געפירט .

עס איז דאך אבער שוין פאר פאלין — האט טאדרוס גע-
ענטפערט — מען האט דאך שוין אפ גימאכט אז היינט ביינאכט
זאל זיין דיא תנאים .

מיא האט אב גימאכט ? — האט שמחה גילאכט — מען
האט גימאכט אקאנטראקט אז היינט ביינאכט מוז זיין דיא
תנאים ? דוכט זיך תנחום דער שדכן לעבט , מען קען אים שיקען
רופען , אונ אים זאגין אז דוא ביסט עפעס ניט געזונד . אדער גאר
פשוט דוא האסט זיך מישב גיוועזן אז דוא ווילסט געלד חאטש
טויזענד רובעל . וואס קומט דיר דער פאר ? פאר קערט זאל רבי
קלמן זעהן אז דוא ביסט ביי זיך גאר נישט גיפאלען , אז ביי
דיר איז גאר ניט אזא זכיה האבין אים פאר אמחותן . אונ איך
שטעל דיר צו אז ער וועט דיר געבין טויזענד קארבין .

יא יא ! — האט דרייזיע גיזאגט — אזו וועלין מיר טאקי
טאן , אבער וואו נעמט מען תנחום דעם שדכן ?

איך וועל זיך שוין אליין מטריח זיין אונ וועל אים אויף
זוכען — האט שמחה גיענטפערט אויף דעם בין איך דאך עפעס
אקרוב — איר ווייכט וואס נאך איך וואלט אייך איין עצה גע-
געבין , אז דוא טאדרוס זאלכט גאר היינט ביינאכט אין דער
היים ניט זיין , ווארום תנחום וועט דאך קומען , אונ וועט אנ-
הייבין איבער צו בעטין דיין כבוד אזו לאנג אונ אזו ברייט ביז
ער וועט דיך איין ריידין דוא זאלכט גיין אויף תנאים . איז
גלייכער דוא זאלכט גיין צו מיר אהיים דארט וועכטו זיצען ביז
איך וועל דיר ברייגגען אתשובה וואו עס האלט . טאמער וועט
דיא בארד
דער

דער מחותן וועלן געבין געלד וועט נאך היינט זיין דיא תנאים. און אויב ער וועט קיין געלד ניט געבין וועלן מיר צייט האבין צו שרייבין תנאים מיט עטליכע טעג שפעטער.

יא יא שמחה איז גירעכט — האט דרייזיע גיזאגט — לעבין זאל ער, ער איז טאקי אהכם אין אגוטער פריינד.

שמחה האט אזו לאנג גירעדט ביז ער האט אויס געפירט דאס וואס ער האט געוואלט, עס איז געבליבען בהסכם כלם אז היינט זאל בשום אופן דיא תנאים ניט זיין. דער קלוגער שמחה האט נאך איין גירעט טאדרוסען אז קלמן וועט געווים געבין טויזענד רובעל און חנהלע איז שוין בייא איהם וויא אין קעשענע.

דער נארעשער טאדרוס איז גיוועזן אין זיבעטען הימעל.

ז.

אויס כלה וויטער מויד.

בייא רבי־קלמן פערקעס וואר ליכטיג און ציכטיג, דער טיש וואר זייער רייך גידעקט, און אויף איהם זיינען גישטאנען זייער פיל פלעשלאך בראנפין, און זיסע זאכין, פון אלע טירין האבין זיך געשאטין געסט, דען דער שול שמש מיט תנחום דעם שדכן האבין צוזאמען גערופין כמעט אלע שטאט בעלי בתים, רבי קלמן אליין האט זיך פאר פוצט אין זיין יומטובדיגער אטלעסענער זופעצע, און אין זיין שטריימעל, און איז וויא איין מחותן גיזעסין

אויבין אן, דיא כלה אויך זייער שיין פאר פוצט איז גיזעסין אין צווייטען צימער צווישען דיא קרוביטעס וועלכע זיינען געקומען אויף דיא תנאים, דער שטאט שרייבער איז שוין געזעסין נעבען טיש מיט דער פען אין דער האנד איבער איין גרויסען פאפיר אונ האט שוין געציילט דיא מינוטען מיא זאל אים הייסין שרייבין דיא תנאים.

ביסלעך ווייס איז דיא שטוב געווארין פול מיט געסט, אלע האבען זיך צוא זעצט ארום טיש, אונ האבען שוין געשלונגען דיא שפייעכין קוקענדיג אויף דיא פלעשלאך בראנפין מיט דיא זיסע זאכין, דער חתן איז אבער נאך ניט גיקומען.

תנחום! — האט דער מחותן אנגעשרייא געטאן צום שדכן וועלכער איז ארום געגאנגען הין אונ צוריק איבער דער שטוב דיא הענד פאר לייגט אהינטער אונ שטארק פריילך, תנחום! פאר וואס זאמט זיך אזוא דער חתן? עפעס ווארט דאך דא איין גאנצער עולם.

ער וועט באלד איך בעט איבער אייער כבוד קומען — האט תנחום גיענטפערט — איהר פאר געסט זיך אז אחתן טוז זיך איך בעט איבער טויזענד מאל אייער כבוד, פאר פוטצען וויא דען אחתן.

זייט זיך מטריח רבי תנחום אונ גייט אריבער צוא איהם אונ זאגט איהם אז דער גאנצער עולם ווארט נאר אויף איהם — האט דער מחותן געזאגט.

מאכטייסע! אויב איהר ווילט וועל איך צוא אים אשפרונג טאן, אונ וויא איהר זעהט ברינג איך איהם איך בעט איבער אייער כבוד אהער.

ער איז געשווינד ארויס געלאפין, אונ איז געגאנגען מיט

שנעלע טריט צוא טאדרוסין אהיים, ער האט געפונען אין שטוב נור דער אלטער דרייזיען זיצענדיג איבער דעם קרבן מנחה אונ זינגענדיג המבדיל.

גאט איז מיט אייך דרייזיע! — האט תנחום איין געשרייא געטאן — איהר האט זיך, איך בעט איבער אייער כבוד, גאר געמוזט פאר געסין אז איהר זייט אמחותנתטע? וואס קטאטש? דער גאנצער עולם ווארט דאך דארט איך בעט איבער אייער כבוד אויף אייך אונ אויף דעם חתן, אונ איהר זיצט זיך גאר וויא ניט אייך מיינט מאן, וואו איז איך בעט איבער אייער כבוד דער חתן?

אפינסטערער חלום אויף מיינע שונאים קעפ? — האט דרייזיע גיענטפערט — שמחה האט דאך אייך געמוזט זאגין וואס בייא אונז איז געבליבין.

יא שמחה האט מיך פאר נאכט גיזעהן אונ האט מיר געזאגט אז איהר האט גיבעטין איך זאל פון אייערט וועגין פאר בעטין אלע אייערע קרובים אונ בעקאנטע איך בעט איבער אייער כבוד אויף טאדריסעס תנאים, וויא מיינט איהר האב איך דאס ניט געטאן, איך האב אוים געזוכט איך בעט טויזענד מאל איבער אייער כבוד אללע אייערע ווייטסטע קרובים, אפילו חאצקיל דעם שוסטער, בעריל דעם באנדער, ציפע גנעסיע די באבטרעגערין אפילו זייא האב איך אויך איך בעט איבער אייער כבוד גערופין, אונ זייא זיינען שוין אלע בייא רבי קלמנען.

צוא משוגע זייט איהר אדער חסר דיעה — האט דרייזיע צארניג געזאגט — ווער האט דאס אייך געהייסין, בייא אונז איז דאך געבליבין אז וויא רבי קלמן וועט ניט געבין לכל הפחות טויזענד רובעל נדן זאלין מיר דעם שידוך ניט וועלין, עפעס

מיינט איהר אז ביא מיר איז איין גרויסער יחוס קלמן פערקעס, אז ער קויפטבזיך איין אין מיין גאלדענע פאמיליע מאג ער געבין האטס צעהעז טויזנד קארבין, איך קאן זיין משפחה איך גידיינק נאך זיין שוועסטער ביילע טעמע וועלכע מיא האט געחאפט מיט דעם פריץ, איך געדיינק אונ וויים אלץ:

תנחומן איז פינסטער געווארין אין דיא אויגין אלס ער האט דיא ווערטער ערהערט, „דרייזינוא!" האט ער מיט שרעק געזאגט דער לעבעדיגער איז איך בעט איבער אייער כבוד מיט אייך! וואס רעט איהר, מיר האבין דאך אב געמאכט אז היינט ביא נאכט זאלין זיין דיא תנאים, וואס פאר איין פנים וועל איך האבין איך בעט איבער אייער כבוד ביא רבי קלמנען ער וועט דאך מיך פון זיין שטוב ארויס טרייבין עפעס אקלייניגקייט, עפעס אקאטאוועס אזעלכע בזיונות.

אויך מיין דאגה, וויל ער ניט האבין קיין בזיונות זאל ער ציילין במזומנים טויזנד רוביל, וועט זיין תנאים, אויב ניט וויל איך ניט, מיין מאדרעסיל איז ביא מיר ניט קיין ארויס געווארפענער, אונ אזעלכע חתנים וואלגערין זיך ניט אויף דעם מיכט.

ערבארמט אייך דרייזיע קרוין, איך וועל מיך שעמען, איך בעט איבער אייער כבוד, דיא אויגין ווייזין פאר רבי קלמנען, זאגט מיר וואו איז דער חתן.

דער חתן איז ניטא, אויב מיא וועט געבין צעהן טויזנד רוביל וועט ער קומען.

דער שדכן האט גימיינעט ביז איהם איז אין האלז טרוקין געווארין ניידענדיג ער האט אבער קיין אנדער אנטווארט גיהאט וויא דאס ער זאל אוים פירין קלמן זאל ציילין טויזענד רובעל,

דיא בארד

אלם

אלס ער האט גיזעהן אז ער ועט דא גאר ניֹשט אויס פירען איז ער ארויס גיגאנגען טרויעריג, אונ האט זיך קיין ראטה גיקאנט געבין וואס צוא טאן, ער האט געוואוסט אז קלמן וועט בשום אופן ניט געבין קיין טויזענד רובל, אונ קוים וועט ער נאר אויס ריידין פון מויל דיא ווערטער אז דער חתן וויל אנדערש ניט גיין צוא דיא תנאים ביז מיא וועט איהם געבין צעהן טויזענד רובל, וועט רבי קלמן איהם ארויין פארין גלייך אין דיא ציין, אונ אין דער בארד אריין, דארום איז ביי איהם געבליבין ער זאל שוין גאר ניט צוריק גיין צוא קומען.

אונ בייא רבי קלמן פערקעס ווארט מאן אויף דעם חתן אלע זייגען שוין פון געדולד ארויס ווארטענדיג, דער מחותן איז גיזעסין אין איין כעס, אונ האט אלע מינוט אקוק גיגעבין אויף דער טיר פיליכט גייט שוין דער חתן.

ענדליך האט זיך דיא טיר גיעפינט — אונ שמחה מויד איז אריין גיקומען.

דער מחותן איז אים געלאפין אנטגעגין, האט איהם אב גערופין אן אזייט אונ האט איהם גיפרעגט: אפשר וויס ער פאר וואס דער חתן איז נאך ניטא?

איך מוז אייך זאגין דעם אמת רבי קלמן — האט שמחה גיענטפערט — איהר ווייסט דאך אז איך בין איין אמעתער מענטש, אונ איין אמת וואלט איך גיזאגט חאטש אויף מיין אייגענעם טאטין, מיין טאדרעסיל ווייסט איהר דאך איז שטארק ניט קלוג, פאר נאכט אז ער האט שוין צוא געקליבין גיין אויף זיינע תנאים, איז איהם אן געקומען אבריף פון אשדכן ער רעט איהם אשידוך מיט אר[e]ייכע אלמנה פון פופציג יאהר. וויא טאדרעס האט דעם בריף דורך גילייענט, איז בייא איהם

דיא בארד געבליבן

געבליבן ער זאל מיט אייך אנדערש קיין שידוך ניט טאן ביז איהר וועט איהם אב ציילן במזומן ממש פינף טויזענד רובעל נדן, וואס איך האב מיט איהם צוטיינעט, וואס איך האב מיך ייא איהם צוא בעטין, ער זאל זיך ניט מאכען נארעש, אונ זאל אייך ניט מאכען קיין עגמת נפש אונ בזיונות, רייד צוא איהם אונ צו דער וואנד איז אלס איינס, ער איז צוא געשטאנען צוא מיר איך זאל אריבער גיין צוא אייך אונ זאל דאס אייך איבער געבין אז ער וויל פינף טויזענד רובעל, הגם איך וויים אז ער וועט דאס ניט אויס פירען, נאר איך האב מיך ניט גיקענט אפ צעפען פון איהם, אונ בין גיקומען אייך דאס איבער צוא געבין, אקשיה אויף אמעשה אפשר וועט איהר אים טאקע געבען פינף טויזענד רובעל.

קוים האט שמחה דיא ווערטער גיענדיגט, איז קלמן צוא גיגאנגען צום טיש אונ האט געזאגט מיט כעס: רבותי פון דעם שידוך מיט טאדרוס שארלאטאן וועט גאר ניסט ווערין, איהר קאנט אייך גיין געזונדער הייט אהיים.

אלע זיינען געבליבן זיצין וויא דיא אבגעשמיסענע, מיט פינצטערע בליקען האבין זייא גיגעבין צום לעצטען מאל אקוק אויף דיא פלעשלאך בראנפין מיט דיא לעקאך וויא זייא וואלטין זיי זאגין דעם עוויגען אדיע, לאנגזאם זיינען זייא אויף גישטאנען פון דיא ערטער אונ זיינען זיך איינציג וויים אוועק גיגאנגען.

אין אונזער הנהלע האט זיך פאר דער גליקליכסטער גישעצט אלס זיא האט ערהערט אז זיא איז געווארין אוים כלה אונ ווייטער מויד.

שמחה האט מיט אשמייכיל צוא איהר אוואונק געטאן, וויא ער זאל זאגין! דוא זעהסט חאטש וואס פאר איין תנאים

איך האב דא אויף געשפילט ? ווייטער וועט בייא מיר אויך גיין וויא געשמירט .

ח.

ניט קיין קרומע זאן .

וויא אוויטהעגדער טיגער איז קלמן פערקעס ארויס גיגאנגען יענע גאנצע נאכט איבער זיין צימער , ווען טאדרוס וואלט דאן אויף זיינע אויגען גיקומען , אדער תנחום דער שדכן זאל זיך גיוועזן פאר איהם ווייזען וואלט ער זייא אפשר אין שטיקער צוא ריסען , עפעס אקינדער שפיל וואס פאר אפאטש אין פנים מיא האט איהם דא גיגעבין , און נאך פאר אזא נאראד , איהם איז זיין צימער מיט זיין גאנצע שטוב איינג גיוועזן , אומזאנסט האט ער זיך עטליכע מאל אווארף געטאן אויף זיין בעט מיט דער האפנונג פיליכט וועט ער אנשלאפין ווערין , דער שלאף האט צוא איהם בשום אופן ניט געוואלט קומען , ערסט אז עס איז גרויסער טאג געווארין איז ער אדרעמילט געווארין .

ער איז שפעט אויף גישטאנען , אלאנגע צייט איז ער גיזעסין אויף זיין בעט פאר טראכט דיא נעכטיגע נאכט האט בי' אים אויס געוויזען וויא אשרעקליכער חלום , ענדליך האט ער זיך וויא מיט גוואלד פון זיין ארט אויף געהויבין , און האט אפ גענאסין נעגיל וואסער , ער האט ניט געוואלט טרינקען דיא קאווע וואס דיא דינסט האט איהם דער לאנגט , און האט זיך גישטעלט דאווענען .

וואו דיא באָרד

וואו איז חנה? — האט ער גיפרעגט דער דינסט נאכדעם אלס ער האט אב געדאווינט.

איך וויים ניט — האט דיא דינסט געענטפערט — זיא האט זיך אן געטאן אונ איז ערגעץ אוועק געגאנגען, מכתמא איז זיא אריין געגאנגען צוא איהר חברטה לאה רבי זלמנס.

קלמן האט אויפין געטאן, ער האט זיך פאר געשטעלט זיין טאכטערס עגמת נפש פון נעכטיגער נאכט, דען געוויס האט זיא גרויסע יסורים דער פון וואס פון דעם שידוך איז גאר ניכט געווארין, דארום האט ער זיא געוואלט טרייסטין אונ בערוהיגין.

עס האט לאנג ניט געווערט איז חנה צוריק געקומען, קלמן האט זיא אריין גערופין צוא זיך אין צימער אונ האט געזאגט: וואס זאגסטו מיין טאכטער צוא דעם עגמת נפש וואס מיר האבען נעכטען געהאט? דאס איז אביסיל אהאזע פון איין יונגאטש ווארט איך וועל איהם שוין אן לערנען, ער וועט מיך שוין געדיינקען, אונ דוא מיין קינד זארג ניט מכתמא וועט אלץ רעכט ווערין, איך וועל פאר דיר אוים זוכען אזו איין חתן וואס אלע מיידלאך וועלין דיר מקנא זיין.

איך זארג גאר ניט טאטע — האט חנה געענטפערט — איך בין אלין איינס ניט צוא פרידען געוועזן פון דעם שידוך, וויל טאדרוס האט שוין איין נאמען אין שטאט פאר איין גרויסין נאר.

נאך וואס פאר איין נאר איז ער, אזעלכע נאראנים זעהט מאן גאר היינטיגע צייטין ניט אלץ וואס עס מאכט זיך איז לטובה.

באלאבם עפעס איינער מאן פרעגט זיך צו אייך — האט דיא דינסט אין דער מינוט גימעלדעט.

דיא בארד

היים

חיים איהם ארײן גײן אהער, אונ דוא מײן טאכטער געה ארײן צו זיך אין חדר אפשר וויל דער יונגער מאן מיט מיר ריידין עפעס וועגין אנישעפט.

חנה איז ארוים געגאנגין פון דעם פאטערס צימער אונ האט זיך אויפן שוועל באגעגינט מיט חיים איצעלע דרײאקאפס, זײא האבין אײנער צום צווייטין אוינק גיטאן מיט דיא אויגען אשמייכל האט זיך געוויזען אויף ביידינס ליפען, אונ חיים איז ארײן גע- קומען צו קלמנען אין צימער.

דער זעלבער חיים וועלכער איז מיט אײניגע טעג צוריק גיוועזען אפראנט, האט יעצט אויס גיזעהן וויא אישיבה בחור. אין אלאנגער זופעצע, אויף דעם קאפ אגרויסע היטיל אונ אונטער דעם היטיל איארמעלקע. זא דאס קלמן האט איהם דיא ערשטע מינוטען ניט דערקאנט.

אגוטער מארגין אײך רבי קלמן — האט חיים גיזאגט ארײנ- קאמענדיג.

אגוטער מארגין אגוט יאהר וועמען באדארפטטו אונ ווער ביזטו?

איהר האט מיך ניט דערקאנט רבי קלמן? איהר דערקענט ניט חיימן איצעלע דרייקאפס בחור?

קוק איהם נאר אן — האט קלמן גיזאגט לאבענד — וויא קומט דאס וואס דו ביזט געווארין אחסיד?

וואס פרעגט איהר דא קשיות רבי קלמן — האט חיים גיענטפערט מיט איראת שמים פנים — אײך האט זיך גאר ניט געטראפין צו זעהען אמענשן וואס גייט ארום יאהרן לאנג וויא אין עולם התוהו, אונ צום סוף זעהט ער זיך ארום וויא נארעש ער איז גיוועזן. דער זעלבער פאל איז אויך מיט מיר, איך האב

וויא איונגער מאן פון היינטיגער וועלט זיך אריין גילאזט אין נארעשקייט אונ אין הבלים, נור גילויבט אונ גידאנקט איז זיין ליבער נאמען וואס איך האב מיך גיך ארום גיזעהן וויא נאריש איך בין, אונ האב מיך געשווינד אראפ גיהאפט פ׳נים שלעכטין וועג.

וויא אזו האכטו זיך אבער אזו פלוצים ארום גיזעהן וויא נאריש דו ביזט?

ווייל דער גרויסער גאט האט מיט מיר גיטאן אזא חסד וואס איך בין גאר ניט ווערטה. קיינעם האב איך דאס ניט דערציילט נאר אייך ווייל איך באדארף אייערע אטובה.

וואס פאר אחסד.

מיינער אלייכער פעטער איז געשטארבין אונ האט מיר איבער גילאזט מזומענע צעהן טויזענד רובל. אונ אזו וויא איך בין נאך איונגער מאן אונ איך קאן נאך קיין געשעפט ניט מאכין וויל איך מיין געלד אפ געבין אויף פראצענט. אונ וואו האב איך בעסערע הענד אויף אזא זאך וויא אייערע רבי קלמן, נעמט ביא מיר צו איך בעט אייך פינף טויזענד רובל, איהר וועט זייא שוין פערלייען וועמען איהר ווייסט אונ איך פערלאנג ביא אייך גאר אקליינעם פראצענט.

אונ ריידענדיג דיא ווערטער האט חיים ארויס גענומען פון טאש אפאק בילעטין אונ האט אבגעציילט פינף טויזענד רובל.

פערוואונדערט אונ ערשטוינט האט קלמן געקוקט אמאהל אויף חיימן אונ אמאהל אויף דעם געלד. ענדליך האט ער גיזאגט גוט! איך קאן דאס געלד ביא דיר צוא נעמין אבער זאג מיר וויפיל פראצענט פערלאנגסטו?

ניט קיין גרויסען פראצענט סך הכל פופצעהן.

דיא באריד

וואס

וואס פופצעהן ? איך פארשטייא דיך גאר ניט וויפיל זשע באדארף איך נעמען .

איהר נעמט אייך וואס פאר אפראצענט איהר ווילט נור מיר זאל בלייבען ריינע פופצעהן .

ניין אויף אזא ארט נעם איך ביא דיר קיין געלד ניט .

אויב איהר ווילט ניט באדארף מאן ניט — האט חיים גיזאגט און האט דאס געלד צוריק אריין געלייגט אין טאש — איך מוז האבין פופצעהן פראצענט , ווייל איך וועל קיין זאך ניט טאהן , איך וויל נור זיטצען און לערנין פערשטייט איהר דאך אליין אז וואו מיר זאל ניט איינטראגין מיין געלד גוטע פראצענטע קאן איך זייא ניט פערלייהען .

ער האט נאך דיא ווערטער ניט אויס גירעט , אלס דיא טיהר האט זיך גיעפינט און רבי חאצקיל דער קרעמער איז אריין געקומען .

חאצקיל דער קרעמער וואר בעקאנט און שטאט פאר איין פיינעם בעל הבית דען ער האט גיהאט אשיינעם קאפיטאל און האט נאך געקאנט לערנען דער צו אויך , דארום האט איהם קלמן זייער פריינדליך עמפפאנגען און האט איהם גיבעטין זיטצין .

דוכט זיך חיים ? — האט חאצקיל גיזאגט אלס ער האט בעטראכט חיימן .

יא דאס בין איך — האט חיים גיענטפערט .

איך האב דיך בנאמנות ניט דערקאנט האט חאצקיל גיזאגט, איז דאס טאקי אלין אמת וואס איך האב גיהערט .

וואס האט איהר דען גיהערט .

מיא האט מיר דערציילט אז דו ביזט געווארין אר(י)יכער יורש, און ביזט געווארין גוט און פרום .

דיא בארד וויים

ווייס איך וואס לייט קאנען זאגין.

וואס זשע שעמסטו זיך אזו, מיט פרומקייט און מיט עשירות באדארף מען זיך ניט שעמין, מאכטייסע זאל דיר נאט העלפין דו זאלסט טאקי זיין אנערליכער יוד, איך קאן דאך דיך גוט. איך גידיינק נאך דיין זיידין רבי מענדעלע וואס איז גיוועז רב אין דעם שטעטיל פייג. נוא פאר וואס זשע זאל זיינער איין איינ׳קיל ניט זיין געראטין אין איהם, דוא זאלסט נאר וועלין קאנסטו אויך זיין מיט דער צייט ארב, וואס איז דו קאנסט ניט לערנען? צו דו האסט אשלעכטין קאפף.

וואס ע׳פעטער וועט זיין ווייסין מיר קיינער ניט — האט חיים גיענטפערט, פייא גאט איז אלס מעגליך, נאר איך האב מיך פאר רעט, און האב גאר פאר געסין אז איך באדארף נאך אפאר נייטיגע גאנגען געהן, אגוטען טאג דערווייל. מיט דיא ווערטער איז חיים ארויס געגאנגין.

וואס זאגט איהר איך בעט אייך רבי חאצקיל וואס נאט קאן מאכין — האט קלמן גיזאגט צו חאצקלען — פלוצים איז דער ארימער בחור געווארין אנגביר, און פון אנאפיקורס איז געווארין אחסיד.

איך האב בעשטענדיג געוואוסט אז דער חיים וועט ווערין אנערליכער יוד — האט חאצקיל גיענטפערט — ווייל ער איז ניט גליך צו אלע היינטיגע אפיקורסים, ערשטינס קאן ער זעהער גוט לערנען, צווייטינס וואקסט ער פון ארבנישע משפחה, און דער זכות פון צדיקים ווייסין מיר דאך בעשיצט זייערע קינדער פון אלע שלעכטע גדאנקין, זעהט איהר דאס האב איך מיך אויך ניט גערירט אז איהם זאל אריין פאלען פלוצים אזו פיל

געלד , איהר ווייסט רבי קלמן אז ער וועט אצונד טאהן דעם בעסטין שידוך .

יא ! אצונד וועט ער האבין אויף זיך אסך באלאנים .

הלעבין רבי קלמן , ווען איהר זאלט מיך וועלין פאלגין , וואלט איך אייך עפעס גיזאגט .

למשל , וואס וואלט איהר גיזאגט ?

איך וואלט גיזאגט אז איהר זאלט דעם חיימן נעמען פאר אנאיידים , בנאמנות אזא שידוך איז היינטיגע צייטין שווער צו קריגען , דערמאהנט זיך נאר אשיינער יונגער מאן מיט אלע מעלות , פון אזא פאמיליע אונ מיט אזו פיל געלד , נוא באדארף מאן בעסער ?

וואס פאר אפנים וועט דאס אבער האבין פאר דער שטאט, אלע ווייסין דאך אז דער חיים איז גיוועזן איין אפיקורס ,

מאלע וואס ער איז , אבי ער איז היינט אנערליכער יונגער מאן , איהר גידיינקט דאך מסתמא דיא גמרא : אז דארט וואו דיא בעלי תשובות שטייען קאנען אפילו דיא אמתא צדיקים ניט צו קומען .

איך וויים ? — האט קלמן נ'ענטפערט נאכדענקענד — מיר וועלין זיך נאך מישב זיין , אזא זאך קאן מאן ניט אפקלערין אויף איין פוס .

אדרבא זייט זיך מאכן מישב אונ פאלגט מיך אויך אמאהל, איהר ווייסט דאך אז איך בין ניט קיין שדכן , אז איך זאג אייך אז דאס איז גלייך מאגט איהר זיך אויף מיר פערלאזין .

מיר וועלין זעהען , האט קלמן גיענטפערט — דאס איז ניט קיין קרומע זאך.

דיא בארד אונזערע

ט.

אונזערע שונאים זיינען מחותנים

איך בין געקומען צו אייך רבי טארדוס אויס לאזין צו אייך איך בעט איבער אייער כבוד מיין ביטער הארץ — האט תנחום דער שדכן גיזאגט צו טאדרוסן וועלכען ער האט געטראפין בייא זיך אין צימער — זאגט מיר איך בעט אייך וואס האט איהר צו מיר גיהאט. איהר פאר געדט אז איך בין איך בעט איבער אייער כבוד אשדכן, אונ אז איך וועל הלילה וחס קריגין אשם פאר אליגנער דארף איך מיט מיין ווייב אונ קינדער נאך בעט איבער אייער כבוד גיין אין דיא הייזער.

וואס האב איך אייך אזוינס גיטאן? — האט טאדרוס גיפרעגט.

וואס סטאטש? איהר פרעגט נאך וואס איהר האט מיר גיטאן? — האט תנחום געשריגען מיט כעס — עפעס אקליינינקייט איז דאס איך בעט איבער אייער כבוד בייא אייך. איהר שיקט מיך צו רבי קלמן פערקעס, אונ הייסט מיר איך זאל איהם זאגין אז איהר ווילט זיין מיידיל איך בעט איבער אייער כבוד נעמען אן אקאפיקע. צום סוף אז אלע זיינען שוין געקומען אויף תנאים זענט איהר זיך מישב אונ בעט מיא זאל אייך געבין איך בעט איבער אייער כבוד פינף טויזענד רובל.

דאס איז אליגין, איך האב נאר גיבעטין טויזענד רובל.

ערטינס אז איהר האט גיבעטין טויזענד פאר וואס זשע האט שמחה מויד גיזאגט דעם מחותן אז איהר ווילט איך בעט איבער אייער כבוד פינף טויזענד, צווייטינס פאר וואס האט איהר מיר פריער ניט גיזאגט אז איהר ווילט געלד, וואלט איך דאך

מִיט דֶעם מְחוּתָּן אִיךְ בֶּעט אִיבֶּער אַייֶער כָּבוֹד נָאר אַנְדֶערְשׁ גִירֶעדְט.

פַארְשְׁטֵייט אִיהר מִיךְ, אִיךְ הָאבּ טַאקִי גָאר קֵיין גֶעלְד נִיט גִיוָואלְט, אוּנ אִיךְ וִויל אַצוּנְד אוֹיךְ קֵיין גֶעלְד נִיט, נָאר דֶער שְׁוַוארְצְיָאהר הָאט אָנְגֶעטְרָאגִין שִׂמְחָה׳ן אוּנ עֶר הָאט אוּנְז פֶּער־דוּלְט דִיא קֶעפּ מִיר זָאלִין בֶּעטִין גֶעלְד, אַצוּנְד הָאבּ אִיךְ טַאקִי אוֹיף דֶעם חֲרָטָה.

אַזוֹ? ווִילְט אִיהר שׁוֹין וַוייטֶער נִיט קֵיין גֶעלְד אִיז בַּייא אַייךְ רֶעכְט נֶעמֶען אִיךְ בֶּעט אִיבֶּער אַייֶער כָּבוֹד חנהלען נָאר אָן גֶעלְד?

יָא רבי תנחום, אִיךְ זָאג אַייךְ אַצוּנְד דָאס לֶעצְטֶע מָאהל אַז אִיךְ וִויל קֵיין גֶעלְד נִיט, אוּנ אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק חֲרָטָה וָואס אִיךְ הָאבּ גִיפָּאלְגְט דֶעם יוּנְגַאטְשׁ שׂמחהלע מויד. גֵייט אַרִיבֶּער צוּ רבי קלמנען אוּנ זָאגְט אִים אַז אִיךְ וִויל זַיין טָאכְטֶער נֶעמִין ווִיא זִיא שְׁטֵייט אוּנ גֵייט.

אוּנ נָאךְ דֶעם וֶועט אִיהר זִיךְ וַוייטֶער אִיךְ בֶּעט אִיבֶּער אַייֶער כָּבוֹד מְיַשֵׁב זַיין אַז אִיהר ווִילְט גֶעלְד.

נֵיין ווִיא אִיךְ בִּין אַייד מִיט בָּארְד אוּנ פֵּאוֹת אִיךְ וֶועל שׁוֹין מֶעהר קֵיין גֶעלְד נִיט בֶּעטִין.

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער מוֹרָא רבי קלמן זָאל מִיר אִיךְ בֶּעט אִיבֶּער אַייֶער כָּבוֹד, אִין בָּארְד אָדֶער אִין דִיא אוֹיגֶען נִיט אַרַיין קְרִיכֶען מִיט זַיינֶע נֶעגִיל. עֶפֶּעס שְׁפִּילְט אִיהר זִיךְ וָואס פַאר אַחֲרָפּוֹת מִיר הָאבִּין אִיהם אָן גִימַאכְט. נֵיין! רבי טאדרוס, אִיךְ וֶועל אַלֵיין אִיךְ בֶּעט טוֹיזֶענְד מָאהל אִיבֶּער אַייֶער כָּבוֹד צוּא רבי קלמנען נִיט גֵיין. זֶעהְט אִיהר אוֹיבּ אִיהר וֶועט אוֹיךְ מִיט מִיר גֵיין אִיז גוּט.

וואס פאר אפנים האט דאס איך זאל אליין גיין צו רבי קלמנן ?

נישקאשע ! אויף מיינע אחריות ! רבי קלמן אז ער וועט הערין איך בעט איבער אייער כבוד פון אייער מויל אז איהר ווילט קיין געלד ניט אונ איהר ווילט נעמין זיין טאכטער וויא זיא שטייט אונ גייט וועט ער אייך גלויבען פאַרְגְט מיך רבי טאדרוס טוט איך בעט איבער אייער כבוד וויא איך היים אייך לאמיר ביידע אביין גיין צו איהם , מיר וועלין איהם ערקלערין אז דא איז נור שולדיג שמחה מויד , אונ איהר וועט זעהן אז ער וועט גאר אנדערש ווערין .

טאדרוס האט איינִיגע מינוטען געטראכט אונ האט גיזאגט : קומט רבי תנחום איך גייא מיט אייך צו רבי קלמנען .

ער האט אויס געקאמט זיין גרויסע בארד מיט זיינע פאות . האט זיך אן גיטאן אין שבתדיגע בגדים , אונ איז מיט תנחומן גיגאנגען צו קלמן פערקעם .

קלמן איז בלאס געווארין וויא דער טויט פאר כעס אלס ער האט דיא ביידע געסט דער זעהן ביא זיך אין שטוב , אונ מיט אשטאלצע מינע האט ער גיפרעגט וועמען באדארפט איהר .

איך באדארף טאקי אייך רבי קלמן — האט טאדרוס גיזאגט — איך האב גיוואלט מיט אייך איבער ריידין וועגן איין וויכטיגען ענין .

איך האב מיט אייך קיין גישעפטין ניט — האט קלמן צארניג גיענטפערט .

איהר זענט אויף מיר אין כעס רבי קלמן איידער איהר ווייסט נאך צו האב איך אנטקעגן אייך געזינדיגט . פריער הערט

מיך אויס נאכדעם וועט איהר אייך מאגין טאן אונ זאגין וואס איהר וועט וועלין.

זאגט שוין לאמיך הערין וואס ווילט איהר.

איך וויל אייך ווייזען אז איך בין גאר ניט שולדיג אין דעם וואס שמחה׳לע מויד דער יונגאטש, דער עובר ישראל האט דא פערקאכט אקאשע. ער האט אייך געזאגט אז איך וויל פינף טויזענד רובעל, וויא איך בין אייער שוועה איך אייך, זאל איך אזו האבין מיין מאמע אונ דיא מאמע זאל מיך אזו האבין, זאל איך אזו זוכה זיין קומען צו קבר ישראל וויא איך האב איהם דאס ניט געהייסין זאגין.

פאר וואס זשע זענט איהר ניט געקומען אויף דיא תנאים?

וויל דער עובר ישראל האט מיך פערפיהרט צו זיך אהיים, ער האט מיך דארט פערשלאסין אין אחדר אונ איז אליין וויא אין דרערד אריין, איך האב בשום אופן ניט געקאנט פון דארט ארויס ביז שפעט אין דער נאכט, איך האב גאר ניט געוואוסט וויהין ער איז געגאנגין, זאל איך ניט וויסען ווא מיין געביין וועט אהין קומען, זאלין מיך הינד צערייסין, זאלין מיך ווערים עסין אויב איך האב געוואוסט אז ער איז צו אייך געגאנגען.

איהר פערשטייט שוין רבי קלמן אז תנחום דער שדכן איז איך בעט איבער אייער כבוד אנעריכער מאן — דאס תנחום געזאגט — איהר זענט אויף מיר גיוועזן אין כעס גאר אומזיסט.

אבער זאגט מיר וואס ווילט איהר אצונד? — האט קלמן גיפרעגט.

אצונד וויל איך מיר זאלין ווערין גאר אויף דאס נייע מחותנים — האט טאדרוס געזאגט — איך זאג אייך אפען אז איך

פערלאנג בייא אייך ניט איין פעניג, אויב איהר ווילט וועל איך אייער טאכטער אפילו אויס קליידין, אבי מיר זאלין בלייבין מחותנים אונ גוטע פריינד.

נייו דאס קאן איך ניט, נאך דעם פאטש אין פנים וואס איהר האט מיר געגעבין קאנט איהר מיין איידים ניט זיין.

ערבארמט אייך רבי קלמן, איך האב אייך אזו פיל גע־שווארין אז איך בין ניט שולדיג, אונ איהר גלויבט מיר אלץ ניט. וויא מיר האבין אגאט אין הימעל אז איך וויל בייא אייך איין קאפיקע ניט, אונ אויב איהר ווילט קאנט איהר נאך היינט שטעלען דיא חופה. דא וועט איהר האבין א סימן אז איך מיין דאס באמת.

לאזט מיר וועלין זיך מיישב זיין. האט קלמן געענטפערט—

וואס טויג אייך איך בעט איבער אייער כבוד דאס ישוב הדעת — האט זיך תנחום אבגערופען — פעה אחרפה בנאמנות איהר זענט מבזה איך בעט איבער אייער כבוד דעם כבוד התורה, אז דער חתן אליין שווערט זיך מיט אזעלכע שבועות אז ער איז ניט שולדיג האלט איהר זיך בייא איך בעט איבער אייער כבוד בייא אייערס. נוא מאכט אסוף רבי קלמן, גאט זאל געבין עס זאל זיין אין אגוטער שעה אונ אין אמזולדיגער היינט בייא נאכט שרייבען מיר שוין געוויס דיא תנאים.

היינט געוויס ניט — האט קלמן געענטפערט — וייל היינט בין איך שטארק פערנומען.

נוא זאל זיין אויף מארגין אדער איך בעט איבער אייער כבוד איבער מארגין.

קלמן האט איינינע מינוטען געקלערט, אונ האט ענדליך געזאגט: איך זעה דאך שוין אז דאס איז מן השמים. אז דער

חָתָן אַלֵיין אִיז גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין מִסְתָּמָא אִיז דָאס אַבְּעשֶׁערְטֶער שִׁידוּךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם מִיטְוָואךְ בַּייא נַאכְט שְׁרַייבְּן מִיר דִיא תְּנָאִים ׃

דִיא שׁוֹנְאִים זַיינֶען אַבֶּערְמַאלְס גֶעוָוארִין מְחוּתָּנִים , אוּנ מִיא הָאט אָבְּגֶעמַאכְט אַז מִיטְוָואךְ בַּייא נַאכְט מוּזִין גֶעשְׁרִיבֶּען וֶוערִין דִיא תְּנָאִים ׃

י׳

שִׂמְחָה קֶעהרְט וֶועלְטִין.

נוּא שִׂמחה וָואס זָאגְסְטוּ יֶעצְט ? — הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף מָארְגִין נָאךְ יֶענֶעם טָאג חיים קליינאַד צוּ שִׂמחהן וֶועלְכֶען עֶר הָאט בַּאגֶעגִינְט אִין גַאס לוֹיפֶענְדִיג פֶּערְסָאפֶּעט — מִיר הָאבִּין שׁוֹין אוֹיס גֶעפִּיהרְט דִיא וֶועלְט ׃ טאדרוס וֶועט פָּארְט וֶוערִין מֵיין חנהס חָתָן , מִסְתָּמָא הָאסְטוּ שׁוֹין גִיהֶערְט דֶערְפוּן ׃

חַא חַא ! — הָאט שִׂמחה גֶעלַאכְט — צוּא אִיךְ הָאבּ גִיהֶערְט דֶערְפוּן פְּרֶעגְּסְטוּ , אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעוְואוּסְט דִיא מִינוּט וָואס טאדרוס מִיט תנחומן זַיינֶען אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן רבי קלמנס הוֹיז , נָאר דִיא פְּרַאגֶע אִיז פוּן וַואנֶען וַוייסְטוּ דָאס ׃

וָואס פֶּערְשְׁטֵייכְסְטוּ דָא נִיט ? מִיר הָאט דָאס עֶרְצֶעהלְט חנה׃ נֶעכְטִין בַּייא נַאכְט אַלְס אִיךְ בִּין מִיט אִיהר צוּזַאמֶען גֶעקוּמֶען וְויא גֶעוֶועהְנְלִיךְ אִין וֶועלְדִיל הָאט זִיא דָאס מִיר מִיט טְרֶערִין דֶערְצֵיילְט , אִיךְ רֶעכִין אַז אִיךְ מָאג שׁוֹין אַבֶּערְמַאלְס אוֹיס טָאן מֵיין בַּטְלָנִישֶׁען רָאק , אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאר אָמְזִיסְט מִיאוּס גֶעמַאכְט ׃

עהע ביזטו דאך טאקי גאר אנאמתר בטלן — האט שמחה לאבענד געזאגט — עפעס האסטו געוואלט אז דיר זאל פליהען אנגעבראטענע טויב אין מויל אריין. ניין ברודער פריהער דארף מאן עטליכע מאהל שיסען ביז מיא טרעפט איין טויב, נאכהער דארף מאן זיא אפפליקען מאכין פייער און בראטין, ניט אזוי גיך קומט דאס אן אמענטשין דאס וואס ער וויל.

וואס דו האסט נאך דיא האפנונג ניט פערלארען? דוא קלערסט נאך אז עס איז מעגליך חנה זאל זיין מיינע.

ניט איך קלער, ביא מיר איז דאס געוויס, מיטוואך ביא נאכט וועסטו חנהס חתן דאס איז אזוי זיכער וויא איצט איז טאג.

איך פערשטייא גאר ניט וואס דוא רעדסט, מיטוואך ביא נאכט וועט דאך גאר זיין דיא תנאים מיט טאדרוסען.

קוק און שוייג — האט שמחה געזאגט — איז מיין נאמען ניט שמחה מויד אויב חנה וועט ניט זיין דיין כלה, דוא ווייסט דאך שוין אז רבי האצקעל דער קרעמער שטייט אויף אונזער זייט, דער נארעשער יוד מיינט באמת אז דו האסט טאקי בעקומען אגרייכע ירושה, און דו וועסט איהם אויך געבין חלק ווען ער וועט אויספיהרען דעם שידוך צווישען דיר מיט הנהן.

וואס קומט אבער ארויס דערפון, איך רעכין אז אצונד איז שוין אלץ פערפאלען.

זייא ניט איך בעט דיך קיין נאר, דוכט זיך איך האב דיר געזאגט ריינע ווערטער אז חנה וועט זיין דיין כלה, און מיטוואך ביא נאכט וועלין מיר עסין לעקאך פון דיינע תנאים.

וואס זשע וועסטו טאן זאג מיר אויך.

ניין דיר להכעיס וועל איך יעצט גאר גישט זאגין, דוא

דיא בארד

וועסט

ווערסט זעהן פערטיגערהייט.

נוא ממה נפשך, מסתמא אז דו רעדסט ווייסטו דאך וואס דו רעדסט, איך זאג דיר צו ברודער אז אויב דוא ווערסט דאס מיר אוים פיהרען וועל איך דיך צייט מיין לעבין ניט פערגעסין, איך וועל דיר...

דוא ווערסט מיר געבין אחלק פון דיין ירושה — האט שמחה געמאכט.

גילעכטער אן אזייט, איך זאג דיר אז דוא קויפסט זיך אנעוויגען פריינד. אפריינד וואס וועט פערטיג זיין פון דיינט וועגין פליהען אין פייער אונ אין וואסער.

דאס איז אלין אשפעטעריגע מעשה, דערוויל האלט מיך איך בעט דיך ניט אויף ווארום איך האב קיין צייט ניט.

וויהין לויפסטו דאס אזו?

אלין וועגין דעם.

זאג מיר איך בעט דיך וואס טראכסטו אצונד צו טאן — האט זיך חיים גיבעטין.

ניין! בשום אופן וועל איך דיר ניט זאגען. איין מאהל האב איך זיך בעשלאסען אליין צו ארבייטען, אונ קיינער דארף וויסען וואס איך טוא. האב מיר אגוטען טאג אם ירצה השם מארגען בייא נאכט זעהן מיר זיך אויף דיינע תנאים, אונ ריידענ-דיג דיא ווערטער איז ער אנטלאפין געווארין.

ער איז דורכגעלאפין אפאר גאסען אונ האט זיך צוגע-שטעלט נעבען איין הויז אויף וועלכער עס איז געהאנגען אשילד פון אפעלשער, ער האט זיך אויף איינינע מינוטען געשטעלט האט זיך אבגערוהט, אונ איז אריין געגאנגען אין שטוב אריין.

אין דער שטוב האט געוואהנט ארוסישער פעלשער וועלכען

אלע קלינוסער יודען האבין בענוצט ער זאל זייא גאלין און שערין דיא קעפ. זייט דער שטאדפעלשער גדליה פיק איז לא עלינו נפטר געווארין, ער האט געהייסין „וואנקא דער שערער.“ ער (דאס הייסט אונזער שמחה) האט געטראפין דעם פעלדשער צוא הויז.

גוט מארגען דיר וואנקא! — האט שמחה צו איהם פריינד-ליך געזאגט — איך האב צו דיר אגאנצין גישעפט.

וואס פאר אנישעפט? — האט וואנקא גיפרעגט.

דא איז אזא געשיכטע — האט שמחה גיענטפערט — דו קאנסט דאך דרייזיע דער קרעמערינס זון טאדרוסען.

יא איך קאן איהם, איך גאל איהם בעשטענדיג דעם קאפ, און דא מיט אפאר שעה צוריק האט מאן מיך אויך גערופען צו איהם איך זאל איהם ארום שערין

דאס וויים איך, און דאריבער בין איך טאקי געקומען צו דיר. מיך האט געשיקט זיין מוטער דרייזיע צו דיר, וויל דא איז אזא געשיכטע דער טאדרוס נעמט אכלה אהיינטמאדישע זייער אפיין מיידיל, דאס מיידיל וויל אבער מיט איהם אנדערש קיין חתונה האבין ביז ער וועט זיין גרויסע בארד אראפ נעמען, און טאדרוס וויל בשום אופן מיט זיין בארד זיך ניט שיידין, דרייזיען קריינקט דאס זייער, וויל איהר גיפעלט דער שידוך, און זיא וויל נאר אז איהר זון זאל חתונה האבין מיט דער מיידיל וואס איך האב דיר געזאגט, וואס זשע טוט מען אבער מיט טאדרוסען וואס ער וויל זיין בארד ניט אראפ נעמען? איז בייא איהר גע-בליבען אזא פלאן, זיא וויים אז דו ביזט אגרויסער מייסטער אין דיין זאך, האט זיא מיך געשיקט צוא דיר איך זאל דיך בעטין אז בשעת דו וועסט טאדרוסען ארום שערין זאלסטו איהם

חאטש אהאלבע בארד אראפ נעמען אבער אזוי ער זאל דאס ניט בעמערקען, ער וועט אפילו זיין שטארק אין כעס אז ער וועט זיך ארום קוקען אז זיין בארד פעהלט, אבער דאס וועט דאך שוין זיין פערפאלען, און דער ווייל וועט דער שידוך געענדיגט ווערין, פאר דיין ארבייט האט זיא דיר שוין געשיקט ארובעל דא האסטו איהם, און אויב דו וועסט דאס אפמאכין שיין און קיילאכדיג וועט זיא דיר בעזונדער בעפרידיגען.

ריידענדיג האט איהם שמחה געגעבין ארובעלדיגען בילעט.

עס וועט שוין זיין רעכט — האט וואנקא געזאגט — זייא זיכער אז איך וועל דאס אזוי קונציג אבארבייטען אז ער וועט גאר ניט וויסען וואו זיין בארד איז אהין געקומען.

דרייזיע האט דאס מיר טאקי געזאגט אז דו וועסט דאס געוויס קענען. נאר יא איך האב דיר פערגעסין זאגין נאך אזאך, דרייזיע וויל ניט אז איהר זון זאל וויסען אז דאס וואקסט פון איהר, האט זיא מיך גיבעטין איך זאל דיר זאגין אז בשעת דו וועסט אהין קומען ארום שערין טאדרוסען זאלסטו מיט איהר גאר נישט ריידין, כדי טאדרוס זאל זיך ניט שטויסין אז דו האסט מיט איהר סודות, דו פערשטייסט?

איך פאר שטייא — האט וואנקא גיענטפערט זאג איר אז עס וועט שוין זיין רעכט, איהר זאהנס בארד איז שוין אזוי וויא בייא מיר אין קעשענע. איך גייא שוין מאכין דיא אפעראציאן.

ניין! היינט גייא ניט, דוא וועסט בעסער גייען מארגען פאר נאכט. ווייל דרייזיע איז עפעס היינט ניט גיזונד, און איר זאהן אז ער וועט דער זעהן אז זיין בארד איז ניטא וועט ער דאך געוויס מאכין קולות מיט גוואלדין, קאן דאס דער אלטער פאר־שאטין אין געזונד.

דיא בארד וואס

וואס זשע טוט מען , מיא האט דאך מיך אבער געשיקט היינט רופען .

שיק אריבער אנזאגין אז היינט ביסטו זייער פאר נומען , דוא וועסט ערשט קומען מארגין פאר נאכט , דוא ווייסט דאך אז קיין אנדער שווערער אחוץ דיר איז דא אין שטעטיל ניטא , וועט ער מוזען ווארטין .

נוא זאל זיין אזו — האט וואנקא גיענטפערט .

דער וויל אגוטען טאג — האט שמחה געזאגט אים רייכענד דיא האנד — זעה דוא זאלכט קיין מענשין דער פון ניט דאכטין , דען טאדרוס קאן דאס ערפארען וועט ער זיך מסתמא היטען דוא זאלסט צו זיין בארד ניט קענען צו שטייעהן .

דאס פאר שטייא איך אליין — האט וואנקא גיענטפערט — פאר לאז זיך אויף מיר עס וועט שוין זיין רעכט , דרייזיע וועט פון מיר צו פרידען זיין .

יא.

אצרה אמהומה .

ביא דרייזיען אין שטוב קאכט וויא אין אקעסיל , איהר גאנצע משפחה האבין זיך צו זאמען געקליבען פירען דעם חתן אויף דיא מזילדיגע תנאים . דרייזיע איז יעצט פאר פוצט טאקי וויא אמחותנתטא , אויף דעם קאפ טראגט זיא ארויטין ציפיק מיט געלע קטיינגעס אויף אשפאנגעל נייעם הארבאנד , פון ביידע זייטען הארבאנד היינגען אפאר בורליאנטענע אהרינגע , אלעם וואס זיא

דיא בארד

האט

האט יעצט גיטראגין וואר זייא אחוץ דער ברוסטטוך וואר דער זעלבער אין וועלכין זיא איז מיט פינף אונ פופציג יאהר צו ריק צו דער חופה גיגאנגען, אונזער חתן רבי טאדרוס דער ווייזט אוים וויא אנעכטער צדיק, ער איז געקליידעט דורכאוים אין אטלעס. דאס פנים איינגעוואשין אגרויסער קאלנער וויים וויא שנייא האט ארום גענומען זיין נאקין, אונ פון צווישען דיא לאצין פון זיין זופעצע האט זיך ארויס געזעהן דאס אפענע מיט האר בעוואקסענע הארין. ער קאן נאך אבער אויף דיא תנאים ניט גייעהן דען וואנקא דער שוועהער איז נאך ניט געקומען, אונ זייען אזוי ניט ארום גישווירען האט ער בשום אופן ניט גיוואלט.

ענדליך איז וואנקא אן גיקומען, טאדרוס איז אויף איהם אן געפאלען דער פאר וואס ער האט זיך אזוי לאנג גיזאמט גאר וואנקא האט זיך פאר ענטפערט, אונ טאדרוס איז ענדליך מיט אים שלום גיווארין, זייא זיינען ביידע ארין גיגאנגען אין טאדרוס צימער, אונ אלם דער ליבער חתן האט זיך גיזעצט אויף אביינקיל האט אים וואנקא גענומען שערין.

דוא ווייסט פאני — האט וואנקא גיזאגט צו טאדרוסען — אז עס איז זייער אומגעזונד ווען מיא האלט דיא אויגען אפען בשעת מיא לאזט זיך שערין. מיינער אברודער איז דער פון בלינד גיווארין, דאריבער זאג איך אן אלע מענשין וואס שערין זיך בייא מיר זייא זאלין האלטין דיא אויגען צוא גימאכט בשעת איך שער זייא, אונ דיר גיב איך אויך דיא עצה: דוא זאלסט האלטין דיא אויגען צו גימאכט בשעת איך שער דיר.

איך דאנק דיר פריין פאר דער גוטער עצה — האט טאדרוס ויענטפערט אונ האט צו גימאכט דיא אויגען.

פלינק וויא אבליץ איז דיא שער דורך גיפלויגין טאדרוסעס

לאנגען באָרד און דיא שיינע גרויסע באָרד איז באלד געבאך גילעגין צוא טאדרוס פיס. וואנקא וועלכער האָט מורא געהאט טאדרוס זאל דאס ניט בעמערקין האָט געשווינד דעם ליבען הייליגען באָרד אויפגעהייבין און אריין געלייגט אין טאש, און ווערענד טאדרוס איז נאך אלס גיזעסען מיט צוגעמאכטע אויגען האָט זיך וואנקא שטילערהייט ארויס גערוקט פון צימער און איז פערשוואונדען גיוואָרין.

אהיבשע צייט איז נאך טאדרוס גיזעסין מיט צו געמאכטע אויגען ער האָט גימיינט אז וואנקא האלט נאך אין מיטען שערען.

נוא פאר וואס שערסטו ניט? — האָט ער גיפרעגט מיט צו גימאכטע אויגען. און אלס ער האָט קיין אנטוואָרט ערהאלטין האָט ער אויף גיעפינט דיא אויגען ערשט אין באן דא איז ניטא קיין זכר פון וואנקאן מיט זיין שער.

אט וואס אנארעשער ערל קאן — האָט ער צוא זיך אליין געזאגט לאכענד ער איז אוועק גיגאנגען, און האָט מיר גאר ניט גיזאגט אז ער האָט שוין געקאנטשעט. טפוי אויף זיין נארעשין קאפ! איך האב דא גיקאנט זיצען ביז מארגין.

ער האָט אויס געשפיגען און האָט גיכאפט אויף זיך דיא שטריימיל און איז אריין גיגאנגען אין שטוב דאָרט וואו אלע האָבין אים ערווארטעט.

אדונער האָט מיך איין געשלאָגען! — האָט אגעשריא געטאהן דרייזיע וועלכע האָט דיא ערשטע דער זעהן אז דער זאהן האָט שוין קיין באָרד ניט — אבליין האָט מיך באגעגנט וואו איז דיין באָרד טאדרוס?

דא האבין אלע דער זעהען אונזער ליבען חתן אן אבארד, איינינע האבין ערשראקין אים אנגעקוקט, און איינינע האבין זיך צו לאכט,

גזלן! רוצח! וואו איז דיין בארד? — האט דרייזיע אויפן קול געשריען.

וואס הייסט וואו איז מיין בארד? — האט טאדרוס פער־וואונדערט געפרעגט — איך פאר שטייא דיך גאר ניט וואס דוא פרעגסט.

איין אונגליק האט מיך באגעגינט! — האט דרייזיע גע־זאגט פערברעכענד דיא הענד — מיא וועט דאך נאך דיר נאך לויפין וויא נאך אמשוגענעם וואו האסטו אהין געטאהן דיין בארד.

דא איז עפעס טאדרוסען קשה געווארין, ער האט אן גע־הייבין צו פאר שטיין אז דא איז עפעס ניט קיין פשוטע זאך. ער האט אויף געהייבין דיא הענד צום בארד נאר צו זיין גרויסען שרעק האט ער ניט געהאט וואס אן צו טאפין. וויא וואנזיגע איז ער צו געלאפין צום שפיגעל, און קוים האט ער זיין בילד אין שפיגעל דער זעהן האט ער זיך געהאפט פאר דעם קאפ און חאט מיט אפארצווייפעלטע מינע און ניט מיט זיין קול אגעשרייא גע־טאהן זיך חאפענדיג מיט דיא הענד פאר דעם קאפ גוואלד! ראטעוועט! וואו איז מיין בארד?

אונמעגליך איז צו בעשרייבען דיא מהומה וואס אין שטוב איז געווארין. דרייזיע מיט טאדרוסען האבין געמאכט אהספד נאך דער היילינער בארד טאקי וויא נאך אהייליגען געשטארבענעם צדיק. און דיא גאנצע משפחה האבין שוין פערשטאנע אז אויף

דיא תנאים קאן מען שוין ניט גיין האבין זייא זיך ארויס גערוקט איינציג וויים פון שטוב אונ זיינען צו לאפין אהיים.

יב.

בעסער וויא געוואונטשען.

אונ ביא רבי קלמן פערקעס אין שטוב איז ווייטער פול געסט. מען זיצט ווייטער ארום גידעקטע טישען, דער סופר האלט אבערמאלם דיא פען אין איין האנד אונ זיין רויטע נאז־פאטשיילע אין דער צווייטער האנד. מיא ווארט ווייטער אויף דעם חתן. רבי תנחום דער שדכן גייט שוין יעצט ארום פריילין צווישען דיא געסט אונ פון זיין מויל פליהט זיין געוועהנליכע פראזע „איך בעט איבער אייער כבוד" גאר אן איין אויפהער.

צווישען דיא געסט זיצט אויך רבי חאצקעל דער קרעמער, אונ קוקט מיט גיפטיגע בליקען אויף תנחום דעם שדכן וועלכער האט פון זיין מויל ארויס געריסען אנגעבראטענע טויב.

דער מחותן רבי קלמן האט זיך שוין יעצט ניט בעקימערט וואס דער חתן איז נאך ניטא. ער האט געוואוסט אז יעצט וועט ער שוין קומען.

דעם עולם האט אבער אן געהייבין לאנג ווייליג צו ווערין. אונ דער מחותן האט געגין זיין ווילען אן געהייבין אונרוהיג צו ווערין, ער איז צוא גיגאנגען צוא תנחומן אונ האט אים געזאגט וואס טוט זיך דא מיט אייער חתן, וואס לאזט ער זיך אזו לאנ

דיא בארד

בעפין

בֶּעטִין , שְׁפְּרִינְגְט אַרִיבֶּער צוּ אִים אַהֵיים אוּנ זָאגְט אִים אַז מִיר הָאבִּין שׁוֹין קַיין כֹּחַ צוּ וַוארְטֶען אוֹיף אִים .

תַּנְחוּם אִיז גֶעהָארְזַאם גִיוֶועְן , דֶען עֶר אַלֵיין הָאט אוֹיךְ אָנְגִיפַאנְגֶען אוּנְרוּהִיג צוּא וֶוערִין , עֶר אִיז בַּאלְד אַרִיבֶּער גֶעלָאפִּין צוּם חָתָן .

מִיא קָאן זִיךְ לַייכְט פָאר שְׁטֶעלִין זַיין שְׁרֶעק אַלְס עֶר הָאט דָא גֶעטְרָאפִין דֶעם הָתָן אָן אַבָּארְד , אוּנ הָאט גִיהֶערְט דֶעם הֶסְפֵּד וָואס דִיא מוּטֶער מִיט דֶעם זָאחן הָאבִּין דָא גִימַאכְט נָאךְ דֶער אוּנְגְלִיקְלִיכֶער בָּארְד וָואס אִיז פַאר דֶער צַייט אַוֶועק גִינַאנְגֶען פוּן דֶער וֶועלְט .

אִין תנחוּמִן אִיז גֶעבַּאךְ קַיין נְשָׁמָה גֶעבְּלִיבֶּען , עֶר הָאט שׁוֹין גִיזֶעהְן אַז זַיינֶע שַׁדְכָנוּת גֶעלְד אִיז טִיף אִין דֶער אֲדָמָה . עֶר הָאט זִיךְ קַיין רַאטָה גִיקֶענְט גֶעבִּין וָואס צוּ טָאהן . עֶנְדְלִיךְ הָאט עֶר זִיךְ בֶּעשְׁלָאסִין גַיין צוּ רִיק צוּ דֶעם מְחוּתָּן אוּנ אִים עֶרְצֵיילֶען דִיא גֶעשִׁיכְטֶע . דֶען אַצוּנְד הָאט עֶר דָאךְ גֶעוִוים קַיין שׁוּלְד .

מִיט אַיין אַרָאפּ גִילָאזְטֶען קָאפּ וִויא אַפֶּערְבְּרֶעכֶער אִיז עֶר גִיקוּמֶען צוּם מְחוּתָּן אוּנ הָאט אִים עֶרְצֵיילְט דִיא מַעֲשֶׂה . קלמן אִיז שִׁיעוּר מְשׁוּגָע גִיוָוארִין פַאר כַּעַס , עֶר אִיז שִׁיעוּר אִין אוּנְמַאכְט גִיפַאלֶען פוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ .

חאצקעל דֶער קְרֶעמֶער וֶועלְכֶער הָאט בֶּעמֶערְקְט דִיא פַאר עֶנְדֶערִינְג פוּן דֶעם מְחוּתָּן אִיז אַרוֹיס פוּן טִישׁ אִיז צוּ גִינַאנְגֶען צוּ קלמנען אוּנ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס דָא טוּהט זִיךְ .

אַיין אוּנְגְלִיק הָאט מִיךְ בַּאגֶעגְנְט — הָאט קלמן קוים גִיעֶנְטְפֶערְט — קוּמְט אַרַיין צוּ מִיר אִין חֶדֶר רבי חאצקעל וֶועל אִיךְ אַייךְ דֶער צֵיילֶען .

זייא זַיינֶען אַרַיין גִיגַאנְגֶען צוּ קלמנען אִין צִימֶער , דָארְט הָאט דֶער מְחוּתָּן אִים עֶרְצֵיילְט וָואס דָא טוּהט זִיךְ .

זָאלְט אִיר מֶער קַיין צַער נִיט הָאבִּין רבי קלמן — הָאט חאצקעל לַאכֶענְד גֶעזָאגְט — אִיהר זֶעהט דָאךְ שׁוֹין אַז דֶער שִׁידוּךְ אִיז נִיט קַיין בַּאשֶׁערְטֶער . אַייךְ בַּאדַארְף הֶלֶעבִּין הַנָאָה טָאן וָואס עֶס הָאט זִיךְ אַזוֹ גִימַאכְט . אִיר ווִילְט מִיךְ פָאלְגִין וֶועל אִיךְ אַייךְ גֶעבִּין אַוואוֹלֶע עֵצָה .

וָואס פַאר אַיין עֵצָה ?

אִיר גֶעדַיינְקְט רבי קלמן , אַז מִיר הָאבִּין אַמָאל גִירֶעט וֶוענִין חיים איצעלע דרייקאפּס זָאהן , אִיר הָאט אַלֵיין מוֹדֶה גִיוֶוען אַז דָאס אִיז נִיט קַיין קְרוּמֶע זַאךְ . פָאלְגְט מִיךְ אַלְין אֵיינְס הָאט זִיךְ דֶער עוֹלָם צוּ זַאמֶען גֶעקְלִיבֶּען אוֹיף תְּנָאִים . אִיךְ וֶועל אַלוֹיף טָאן אוּנ וֶועל בְּרֵיינְגֶען אַהֶער אִיצֶעלֶען מִיט דֶעם זָאהן אוּנ מִיר וָועלִין שְׁרַייבִּין תְּנָאִים . אִיךְ זָאג אַייךְ אַז אִיר וֶועט מִיר דַאנְקֶען צַייט אִיר וֶועט לֶעבִּין . דִיא גוּטֶע אוּנ דִיא מַזִילְדִיגֶע יָאהר זָאל אִיךְ הָאבִּין וָואס מִיט חיימ'ן אִיז אַבֶּעסֶערֶער שִׁידוּךְ אַלְס מִיט טאדרוסען דֶעם בּוּלְוַואן , זֶענְט אִיר מַסְכִּים .

נוּא ממה נפשךְ , אִיךְ זֶעה דָאךְ אַז גָאט ווִיל אַזוֹ זָאל זַיין דֶער שִׁידוּךְ מִיט מַזָיל ; אָבֶּער אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגִין דֶעם אֱמֶת רבי חאצקיל , וֶוער וַויים צוּ חיים וֶועט אַצִינְד וֶועלִין מָאן מִיט מִיר עֶר הָאט דָאךְ אַזוֹ פִיל גֶעלְד . וֶועט עֶר דָאךְ מִסְתָּמָא אוֹיךְ בֶּעטִין אַסַךְ גֶעלְד .

נוּא מַה רַעשׁ ? וֶועט אִיר אִים טַאקִי גֶעבִּין אַפָּאר טוֹיזֶענְד קֶערְבְּלִיךְ אוּנ פַאר וָואס נִיט , פַאר וֶועמֶען דֶען הָארֶעוֶועט אִיהר נָוען נִיט פַאר אַייֶער טָאכְטֶער אַלְין אֵיינְס וֶועט זַיין שְׁפֶּעטֶער אַלְס

וואס איר פאר מאגט איהרס וואס דארפט איהר באהאלטין אין גאנצין אויף שפעטער ניט איהר אצונד אויך אביסעל. מאכטייסע זאלען לייט זעהן אז איהר זענט אגעטרייער טאטע. אונ זאלין אייערע קינדער וויסען וואס פאר אגוטען פאטער זייא האבין.

איך מוז דאך שוין אצונד אלין נאך געבין — האט קלמן מיט אזיפץ גיענטפערט — מיר ווילט זיך ניט מיא זאל דאס צווייטע מאל פון מיין שטוב אוועק גיין ליידיג, ביז צווייא טויזענד רובעל מעהר וועל איך אקאפיקע ניט געבין.

זייער גוט איך וועל דאס אייך אלין אויס פירין.

האצקעל איז אוועק געלאפין.

עס האט לאנג ניט גיוועהרט איז אין שטוב ארייין גיקומען איצעלע דרייא קאפ מיט זיין זון חיים.

רבותי! — האט קלמן געזאגט זיך ווענדענד צוא דיא געסט — איהר זאלט וויסען אז בייא מיין טאכטער איז אצונד תנאים מיט רבי יצחק'ס זון, מיט חיימקען, קיין קשיות זאלט איהר ניט פרעגין וויא קומט דאס פלוצים אנשטאט טאדרעסין זאל זיין איין אנדער חתן, מסתמא באדארף אזו זיין.

דיא געסט האבען גאר אין זינען ניט געהאט צוא פרעגין קשיות זייא זיינען פשוט הונגעריג גיוועהן, אונ האבין קוים זוכה גיוועהן דעם מאמענט זייא זאלין קענען טרינקען לחיים אונ שרייען מזיל טוב.

מיא האט געשריבין תנאים, געבראכין טעפ, געטרונקען געגאסין דיא געשרייען „מזיל טוב" האט מאן גיקאנט הערין פון איין עק שטאט ביז דעם צווייטען.

פלוצים האט זיך דיא טיר גיעפינט אונ שמחה מויד איז אריין געלאפין מיט אגעשרייא „מזיל טוב".

דיא בארד

דוא מוזט איין טעות האבין שמחה — האט קלמן צו איהם לאכענד געזאגט — דוא מוזט בודאי מיינען אז מיין טאכטער איז געווארין איין כלה פאר דיין טאדרעסין זאג איך דיר אז דוא האסט אטעות, מיין טאכטערס חתן איז חיימקע.

אזוא גאר? — האט שמחה געפרעגט מיט אשעלמישען שמייכיל — חיים איז גאר אייער חנהלע׳ס חתן? נוא ממה נפשך מסתמא וועט איהר דאך מיר פון דעם שידוך אויך געבין לעקאך וועל איך אייך ווינטשען גליק האטש מיט חיימקען.

פאר דיר שטייט פרייא דיא בראנפין אונ דיא לעקאך — האט קלמן פריילך געזאגט — עס אונ טרינק וויפיל דוא ווילסט אליין.

נוא בטלן? — האט שמחה געזאגט חיימן אויפין אהר — ווער איז גירעכט! וואס האב איך דיר געזאגט?

דוא ביזט איין טייפעל! — האט חיים גיענטפערט איהם דריקענד דיא האנד — נאר ניין! דוא ביזט מיין מלאך הגואל, אייביג אייביג וועל איך דאס דיר ניט פאר געסין.

*　*

*

איהר מיינע ליעבע לעזער האט דאך מעהר ניט געוואלט וויסען דעם סוף פון דער מעשה, אונ דעם סוף ווייסט איהר שוין אז חיים איז געווארין חנה׳ס חתן, נאר איך וועל מיט אייך נאך מעהר מטיב זיין, איך וועל אייך דער ציילין וואס נאכדעם איז אויך גיוועזן.

דיא בארד　　　　חיים

חיים האט חתונה געהאט מיט חנה, און נאך דער חתונה איז ער געווארן אבערמאלס אפראנט, קלמן האט ערפאהרען אז זיין איידים האט אקאפיקע ניט אז דיא פינף הונדערט טויזענד רובעל וואס ער האט ביי איהם גיזעהן זיינען ניט זיינע גיוועזן, איהם האט דאס שטארק ניט געשמעקט, נאר פאר פאלען, חיים האט געמוזט בלייבין זיין איידיים, אונז איז געבליבין טאקע זיין יורש אויך.

רבי טאדרוסעס בארד האט גאט זייא דאנק אב געוואקסען צוריק, נאר זיין ערשטען בארד קאן ער עד היום ניט פאר געסין, און ניט נאר ער אפילו אלע קרינוסער איינוואהנער געדיינקען דיא מעשה מיט זיין ערסטער אונגליקליכער בארד.

דער וואס איך האב דיא הענד ניט געוואשין זאל מיט זיין כשרער האנד איינהיטען אלע יודישע בערד פון אזוא איין אונגליק וויא עס האט געטראפין דעם בידנעם טאדרוס בארד, ונאמר אמן.

דיא בארד